# ילקוט ווהלין

## זאמלונגען פון זכרונות און דאקומענטן


ערשטער רעדאַקטאָר
און גרינדער
א. אבטיחי

רעדאַקטאָר
נ. ליבנה

דריטער באַנד | זאַמלונג 24 | אלול תשכ״ח


### א י נ ה אַ ל ט:


| | | |
|---|---|---|
| אַנטייל פון וואָלינער אין די עליות | אריה אבטיחי | 1 |

**אריה אבטיחי ז״ל**

| | | |
|---|---|---|
| פאר זיין ארון | משה בורקאָ | 2—3 |
| צווישן צוויי בערג — אבות און בנים | נתן ליבנה | 3—5 |
| פראָטאָטיפּ פון מסירת־נפש־יידן | יוסף טאבאטשניק | 6 |
| דער קינסטלער פון פאראייביקן | אברהם גל | 6—7 |
| פון בית ר׳ לוי־יצחק | צבי זאגאראדער | 7 |
| דער כוח פון התלהבות | נועם זכאי | 8 |
| אין שאָטן פון דער 2־טער וועלט־מלחמה | שמואל ראָזנהעק | 8—11 |
| מיר זענען פאראַרעמט געוואָרן | ניסן פירער | 11—12 |
| אין דרכים פון גדולי־הדורות | צבי בערגער | 12 |

**טרויער־אקאדעמיע צו די שלושים פון אריה אבטיחי ז״ל**

| | | |
|---|---|---|
| ווערטער פון : מ. בורקאָ, ז. אפּטער, י. טאבאטשניק, נ. ליבנה, י. זיידל, ש. ראָזנהעק, ל. טשעקוווער<br>אן אָוונט מיט געסט פון אויסלאנד | | 13—16 |

**ק ה י ל ו ת**

| | | |
|---|---|---|
| אויפשטאנד פון טוטשינער געטאָ | מענדל מאַן | 17—22 |
| לעצטער וועג פון זשיטאָמירער יידן | יוסף טאבאטשניק | 22—23 |
| בערדיטשעוו פון אמאָל | ד״ר צבי קאמינסקי | 24—27 |
| פאָלאנע | הארי גרייפמאַן | 27—28 |
| ראדזיווילאָווער קהילה | לייב אייזן | 28 |

**דיכטער, שרייבער, ביכער**

| | | |
|---|---|---|
| יחיאל רברבי | ש. ז. שז״ר | 28—35 |
| שמואל צבי זעצער | מרדכי בונה (ביבער) | 36—37 |
| יזכור־ספר פון שומסקער קהילה | א. אבטיחי | 38 |
| א ניי בוך פון א וואָלינער פאָרשער | נ. ליבנה | 39—40 |

**מ ע צ ע נ אַ ט ן**

| | | |
|---|---|---|
| א. סטיפּענדיע־פאָנד טשעקוווער<br>ב. נחום זאב וויליאמס | א. אבטיחי | 41—43 |

**ג ע ש ט אַ ל ט ן**

| | | |
|---|---|---|
| שאול זשיטין | ניסן פירער | 44 |
| אליהו שדה־לבן | משה שמואלי | 45 |
| חנה פעניגער־פלאָם | נועם זכאי | 46 |
| אין וועלט־פאַרבאַנד אין ישראל; אין די שטאָטישע פארבאנדן אין ישראל | | 47 |
| רעדאקציע־באמערקונגען | | 48 |



תל־אביב — הוצאת האיגוד העולמי של יוצאי ווהלין

מיט גרויס צער און טרויער מעלדן מיר וועגן פלוצלינגן
טויט פון

# אריה אבטיחי ז"ל

מאַנטיק, כ"ד ניסן תשכ"ח, דעם 22־טן אַפּריל 1968

ס'אַוועקגענומען געוואָרן פון אונדז דער גרינדער און מנהיג פון אונ־
דזער פאַרבאַנד און פון היכל וואָלין.

געקומען צו קבורה אויפן בית־עולם אין נחלת־יצחק,

מיטוואָך, כ"ו ניסן תשכ"ח (22.4.68).

**וועלט פארבאנד פון וואלינער יידן אין ישראל**
**פרעזידיום, ראַט און פאַרוואַלטונג**
**רעדאַקציע פון „ילקוט ווהלין"**

---

**די פעדעראציע פון וואלינער יידן אין אמעריקע**

**באַוויינט דעם אידעאָלאָג און גרינדער פון פאַרבאַנד**

# אריה אבטיחי ז"ל

---

**וואלינער יידן אין פראנקרייך און חברים פון קא־**
**מיטעטן פון וואלינער פארבאנדן טרויערן אויפן טויט**
**פון אומפארגעסלעכן**

# אריה אבטיחי ז"ל

# אַנטייל פון וואָלינער ייִדן אין די עליות

אריה אבטיחי

וואָלינער ייִדן האָבן גענומען אַ בכבודיקן אַנטייל אין אַלע עליות קיין ארץ ישראל, אָנהייבנדיק פון דער ערשטער עליה, די עליה פון יחידים; עטלעכע ייִדן וועלכע זענען עולה געווען קיין ירושלים, צפת אָדער טבריה פון אַן אינערלעכן דראַנג זיך מתיחד זיין מיט דער קדושה פון הייליקן לאַנד און זיך באַהעפטן מיט דער הייליקער ערד ווען ס׳וועט קומען זייער צייט. נאָכדעם, מיט דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג בעת דער צווייטער עליה, זיינען עולה געווען יינגע אידעאַליסטן, מיט דער שטרעבונג צו אַ נײַ לעבן פון אַרבעט און שאַפונג אין אוראַלטן פאָטערלאַנד און כדי אויספלאַסטירן אַ וועג פאַר די קומענדיקע נאָך זיי. אויך זייער צאָל איז געווען ווייניק. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער שטראָם פון דער דריטער עליה, וואָס האָט מיטגעריסן מאַסן פון אַלע שיכטן און בפרט פון דער חלוצישער עליה, נאָכן ערשטן וועלט־קריג.

מ׳קען זאָגן, אַז ס׳נישטאָ קיין איין ייִדישע שטאָט אָדער שטעטל אין וואָלין, וואָס האָבן נישט געשיקט קיין עולים־חלוצים פון אַלע שיכטן. מיט רעכט קענען וואָלינער ייִדן באַצייכענען מיט שטאָלץ זייער חלק אין דער עליה און זייער איינוואָרצלען זיך אין לאַנד. מ׳איז משער, אַז די צאָל וואָלינער ייִדן אין ישראל גייט אַריבער די צוואַנציק טויזנט. כמעט אַלע האָבן געבויט דאָ זייער היים און ווערן פאַררעכנט צווישן פּראָדוקטיוון, געבענטשטן עלעמענט אין לאַנד.

אויך די לעצטע עליות צווישן איין מלחמה און דער צווייטער, טראָץ אַלע שוועריקייטן און באַגרענעצונגען, בפרט בעת דער צווייטער עליה נאָכן קלאַפּ, וואָס ס׳האָבן געקראָגן וואָלינער ייִדן צווישן אַנדערע פון די גזירות תרפ״א ־ חרפ״ד, האָט מיטגעבראַכט פעייקע כוחות וואָס האָבן אַרויסגעוויזן טאַלאַנט פון צופּאַסן זיך. געטריישאַפט און אַקטיוויטעט. ס׳ניטאָ קיין קיבוץ אין לאַנד וואָס האָט נישט אויפגענומען חברים פון וואָלין; וואָלינער זענען צווישן שוץ און זיכערהייטס־מענטשן און זיי פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין אַלע מלוכה־אַנשטאַלטן ווי דערציאונג, וויסנשאַפט, קונסט, אַדמיניסטראַציע, אַגריקולטור, הייזערבוי, פאַבריקאַציע א. א. וו.

מיטן אויפשטיין פון מדינת ישראל און בפרט מיטן אָפּשאַצן דעם מצב פון נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, האָט זיך דערוועקט די עליה־פּראָבלעם מיט איר גאַנצער שאַרפקייט און האָט זיך פאַרוואַנדלט אַלס איינע פון די הויפּט־זאָרגן פון דער מדינה. צענדליקער טויזנטער זיינען טאַקע אָנגעקומען זינט ס׳פּראָקלאַמירט געוואָרן די מדינה. אָבער ס׳איז נישט גענוג. די מצווה פון עליה איז היינט צו טאָג געוואָרן אַ דרינגענדע נויטווענדיקייט און דאָס ייִדישע פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט מוז שטרעבן צו אַ באַנייטע עליה פון וואַנען ס׳איז נאָר מעגלעך. וואָלינער ייִדן האָבן אַ חזקה אַז זיי וועלן ווייטער עולה זיין, זיי אַליין, אָדער זייערע קינדער, פּונקט ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין אַלע צייטן. די איצטיקע עליה איז ממש גורלדיק פאַר אונדזער עקזיסטענץ.

אונדזער פאָלק אין אונדזער דור שטייט פאַר אַ גרויסן פּרוּוו, פאַר אַ גרויסן נסיון. אויב אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט געשפּילט די שלעכטע ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון ייִדן אַ גרויסע ראָל כדי עולה צו זיין — די מערהייט ייִדן אין די מערב־לענדער, זייער לאַגע איז אַ סך בעסער ווי געווען און זי צווינגט זיי נישט צו עליה קיין ישראל.

דער איינציקער אויסוועג איז אַלזאָ פאַרבונדן מיט דער באַנייטער עליה, בפרט פון דער יוגנט מיטן אינערלעכן גייסטיקן שטויס פון ריכטיקער אָפּשאַצונג פון מצב. ס׳מוז קומען אַ דערוואַכונג. אַ נאַציאָנאַלע אויפטרייסלונג. אַ צווייטער „שיבת ציון״ איז אַ געבאָט פון דער צייט.

מיר רופן, קודם־כל, אונדזערע וואָלינער ברידער און שוועסטער. וועלן זיי זיך נישט אָפּרופן?

און ווירקלעך. לעצטנס מערקט זיך אַן עליה פון וואָלינער פון פאַרשידענע לענדער. אונדזערע האַרציקסטע באַגריסונגען.

# אריה אבטיחי ז״ל

## פאר זיין ארון

פונעם הספד, וואס ס׳האט געהאלטן דער ווייצע־פארזיצער פון וועלט־פארבאנד פון וואלינער לאנדסלייט מ ש ה ב ו ר ק א, בעת דער ארון האט זיך פארהאלטן פארן „היכל וואלין״.

**חבר אבטיחי, אונדזער טייערער אריה!**

דו מאכסט איצט דיין לעצטן וועג פאר דעם „היכל וואלין״, אבער דאס מאל גייסטו



פארביי דעם בנין, נישט אריינגייענדיק אין אים, נישט קאנטראלירנדיק אין אים יעדן ווינקל. דאס מאל האט מען דיך געבראכט אהער אנשטאט די אומצאליקע מאל, וואס דו האסט געבראכט און געפירט אהער הונדערטער באזוכער און האסט אויפגעקלערט יעדן, ווער ס׳האט נאר געוואלט הערן, די וויכטיקייט און הייליקייט פון דאזיקן הויז, אלס דענקמאל פאר די אומגעבראכטע קדושים און צעשטערטע וואלינער קהילות און אלס זאמלפונקט פאר די וואלינער רעשטלעך אין ישראל און אין דער גארער וועלט; ווייל פאר אלץ, וואס עס האט געהאט א שייכות צו וואלינער יידנטום ביסטו, אריה־לייב, שטענדיק געלאפן ווי א הירש מיט גבורה פון א לייב צו דערפילן דעם פארלאנג פון יעדן איינעם, וועלכער האט זיך אינטערעסירט מיטן עבר און פאראייביקונג פונעם וואלינער יידישן שבט.

אין אלע דיינע געבענטשטע אונטערנעמונגען און אין אלע דיינע גרויסע מעשים ביסטו טאקע געווען שטארק ווי א לייב, האסט אויפגעטון מעשים, וועלכע קיינער פון דיינע חברים האט נישט געקענט זיי נאכטון און מיט דיר קאנקורירן, הגם אין דיין פריוואטן לעבן, אין דיין אויפפירונג און אין דיינע מידות ביסטו, אריה, געווען א צדיק תמים — א שטילער, באשיידענער מענטש, וואס ווי גרויס עס איז געווען זיין טעטיקייט און איבערגעגעבנקייט, אזוי גרויס איז געווען זיין באשיידנקייט. ביסט געפאלן א קרבן און פארברענט געווארן אינעם פייער, וואס האט אין דיר געברענט צוליב דיין גרויסער ליבע צו דיין פאלק און איבערגעגעבנקייט צום „היכל וואלין״ און צו פיל אנדערע געזעלשאפטלעכע אונטערנעמונגען.

מיר, דיינע פאריתומטע חברים, שטייען איצט פאר דיין ארון אומגלקילעכע, עצותלאז, נישט וויסנדיק ווי אזוי פארזעצן אונדזער טעטיקייט אן דיר און ווי אזוי צו פארענדיקן די דאזיקע אונטערנעמונג אן דיין מיטהילף. מיר מוזן אבער פארזעצן און גיין אין דעם וועג, וועלכן דו האסט אונדז געפירט און אנשטרענגען אלע אונדזערע כוחות צו פארענדיקן דעם „היכל וואלין״, אלס מאנומענט פאר די וואלינער קדושים און קהילות און דורך דעם אויך פאראייביקן דיין טעטיקייט און מעשים טובים.

ס׳איז שווער אין דעם מאמענט אויסצורעכענען און אפשאצן אלע דיינע ווערק און מעשים טובים. חז״ל האבן געזאגט: „ווען א מענטש ווערט נפטר באגלייטן אים נישט קיין גאלד, נישט קיין זילבער און נישט קיין

טייערע שטיינער, נאָר תורה און מעשים טו־בים אליין״; זאָלן דיר אלזאָ אין דיין לעצטן וועג באַגלייטן דיינע גוטע מעשים און זאָל דיר ביישטיין דער זכות פון די קדושים, וועג־מענס אַנדענק האָסט אַזוי פיל זיך באַמיט צו פאַראייביקן. זאָלסט רוען בשלום, ווי עס שטייט געשריבן אין בראשית־רבה: „פאַרוואָס איז נגזר געוואָרן דער טויט אויך אויף די צדיקים? ווייל די צדיקים קעמפן זייער גאַנצן לעבן מיטן יצר־הרע און רוען נאָר נאָך זייער טויט״. זאָל דיין נשמה זיין פאַרבונדן אינעם לעבנסבאַנד פון גאַנצן פאָלק ישראל, וועלכן דו האָסט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און אַזוי געטריי געדינט.

זאָל דיין אַנדענק זיין געבענטשט אויף אייביק.

נתן ליבנה

# צווישן צוויי בערג - אבות און בנים

דער קול פון מיין פריינט, אָט קומט אָן (שיר השירים). ווען משה איז געגאַנגען און געזאָגט צו ישראל: אַזוי האָט געזאָגט צו מיר גאָט, היינט גייט איר אַרויס אין פרילינגחודש, האָבן זיי געזאָגט צו אים: ווו איז ער? האָט ער געזאָגט צו זיי: ס׳שטייט: דער קול פון מיין פריינט, אָט קומט אָן. האָט געזאָגט ר׳ יהודה: וואָס מיינט שפרינגט אויף די בערג? (שיר השירים). האָט געזאָגט גאָט: אויב איך פאַרקוק זיך אויף די מעשים פון ישראל, ווערן זיי לעולם נישט אויסגעלייזט, נאָר אויף ווּעמען פאַרקוק איך זיך? אויף זייערע הייליקע אבות, ווייל אין זכות פון זייערע אבות לייז איך זיי אויס. דערפאַר ווערט געזאָגט: שפרינגט אויף די בערג, און בערג — מיינט מען אבות.
(שמות - רבה ט״ו)

די גרויסע פאַראייניקטע משפחה פון וואָלינער יידן אין ישראל און אויף דער גאַנצער וועלט איז אין טרויער — אריה אבטיחי, דער וואָס האָט אָנגעצונדן די ליכט פון פאַראייניקונג, דעם נר־תמיד לזכר וואָלינער קהילות און קדושים; וואָס האָט אָנגעצונדן אַ פונק אין יעדן וואָלינער־יידיש האַרץ און ער אַליין איז געוואָרן דער פלאַם — איז אין זיין פלאַם פאַרברענט געוואָרן. אויף זיין וואַך, אין וועג אויסצופירן אויפגאַבן פאַרן איגוד און „היכל וואָלין״, איז ער אַנידערגעפאַלן. אויפגאַבן — זיי האָט ער געווידמעט לעצטנס זיין גאַנץ לעבן, אַלע זיינע טעג און נעכט. זיין גאַנצן וועזן.

אַן אוהב ישראל איז געווען אריה אבטיחי. און תמיד פון כלל צום פרט. ער האָט ליב געהאַט דעם יידישן מענטש. דעם יידן אין גאַס. אַלט און יונג. פריינט און חברים. אויך די „שלעכטע״ צווישן אונדז. ווייל וואָס איז די רבותא ליב האָבן בלויז די גוטע? עלעאיי אַלע זיינען געווען זיינע קרובים ממש. זיין אייגן פלייש און בלוט. דערמיט האָט ער געצילט צו דער לערע פון אַ גרויסן מענטשן־ליבהאָבער, וואָס איז געשטאָרבן פאַר אים, ראָמען ראָלאַן, דער באַרימטער פראַנצויזישער שרייבער, וואָס האָט געמאָסטן די גרויסקייט פון אַ מענטשן לויט דער מאָס ליבע אין אים צו זיין חבר... נאָכדעם ווען ער האָט אים גוט דערקענט. אונדזער פליכט, האָט געזאָגט ראָלאַן, איז ליב האָבן מענטשן אַזוי, ווי זיי זענען, גוט אָדער שלעכט. אבטיחי האָט זיך נוהג געווען לויט אָט דער הומאַניטאַרער לעבנס־פילאָזאָפיע. איז עס דאָך אַ פאַראַפראַזע פון הלל הזקנס „זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין״, וואָס איז שטענדיק געווען זיין וועג־ווייזער אין לעבן.

ער האָט געוווסט ווי אַזוי מקרב זיין יעדן איינעם, זיך באַפריינדן — און אויפמונטערן צו מעשים, אַרויסציען דעם גיפט און אויספרעסן דעם האָניק. און, למען הפינקטלעכקייט, נישט ער האָט געפרעסט דעם האָניק. זיינע באַפריינדעטע האָבן אים שוין געגעבן פון זייער גוטן ווילן. ווען אבטיחי האָט געעפנט זיין פאַרשלאָסן האַרץ, האָבן זיך פאַר אים געעפנט פאַרשלאָסענע טאַשן. אפשר דאָ ליגט דער סוד פון זיין באַזונדערער ליבע און פאַר־

ערונג וואָס ער האָט געפילט צו „טייערע יידן, וועלכע לעבן נישט בלויז צוליב זיך אַליין״; וועגן זיי האָט ער געהאַט אַ נייגונג רעדן און שרייבן ביי יעדער געלעגנהייט. בבחינת „כל המרבה לספר (וועגן זייערע שבחים) הרי זה משובח״. שרייבן וועגן זיינע פריינט אויפן עולם האמת און — צו לאַנגע יאָר זיי — וועגן זיינע לעבעדיקע פריינט. בלויז אין דעם נומער פון „ילקוט וואָלין״ קענסטו לייענען זיינע נאָטיצן וועגן זיין פריינט און פריינט פון פאַרבאַנד ה׳ ל. טשעקוועד צו זיין גרינדן אַ סטיפּענדיעס־פאָנד און וועגן מעצענאַט ה׳ וויליאמס א. אנד., וועלכע ער אַליין האָט געבראַכט צום דרוק. און אַזוי אין אַלע פאָריקע „ילקוטים״. איצט שרייבן מיר מיט צער שורות וועגן אים. ער האָט קיינמאָל נישט מסכים געווען מ׳זאָל שרייבן וועגן אים און זיין לעבן. מ׳זאָל אים „יובעלירן״.

און די קדושים פון די וואָלינער קהילות, וועלכע זיינען אַזוי בעסטיאַליש אומגעקומען, האָט ער ליב געהאַט, ביז זיך אידענטיפיצירן מיט זיי. זיי דערמאָנט טאָג איין, טאָג אויס. ווי ער וואָלט געפרווט ווייטער שפינען זייער איבערגעריסן לעבנס־פאָדעם. פונקט ווי זיי וואָלטן ווייטער לעבן. און ווירקלעך, זיי האָבן געלעבט אין זיין האַרצן, אין זיין גאַנצן וועזן. אין זיינע חלומות. מ׳קען זאָגן, ער האָט געלעבט אין זייער מחיצה, מער ווי צווישן די אַרומיקע.

☆

בראשית, נאָך איידער ס׳געגרינדעט געוואָרן דער וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן, איז געווען דער געדאַנק. זיין געדאַנק. דער געדאַנק וועגן פאַרבאַנד. דער געדאַנק פון בויען דעם „היכל״. דער געדאַנק פון צונויפזאַמלען אַלע שאַפונגען פון וואָלינער יידנטום אין פאַרלויף פון טויזנט יאָר. פון איר עקזיסטענץ, שאַפונגען פון אַלע שאַטירונגען און פאַרבן. רבנישע, חסידישע און „וואָכעדיקע״, ליטעראַרישע, קינסטלערישע און אַלע אַנדערע קולטורעלע שאַפונגען. דער געדאַנק פון שרייבן אויפסניי, מיט געהעריקע עמקות, די געשיכטע פון דעם טייל יידנטום פון אָנהויב־אָן ביז היינט־צו־טאָג, איינשליסלעך זייער אַרט לעבן איצט און וויכטיקע געשעענישן פון וואָלינער יידן ווו נאָר זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט; דער געדאַנק פון פאַרצייכענען די נעמען פון אַלע קדושים, פון אַ ל ע, לזכר עולם. אַ פּערמאַנענטע אויסשטעלונג פון אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו וואָלין און „היכל״; אַ קינדער־טעאַטער, וואָס איז ווייניק דאָ אין ישראל און איז אַזוי נויטיק — וכדומה אַזעלכע געדאַנקען. ער איז פול געווען מיט זיי ווי אַ מילגרוים.

☆

יולי 1947, ווען זיין זון מנחם ע״ה האָט זיך מאָביליזירט אויף אַ יאָר נאַציאָנאַל דינסט גלייך נאָכן ענדיקן די הרצליה־גימנאַזיע אין תל־אביב און זשאַנדאַרמעריע פון די יידישע ישובים (נוטרים), איז ער געווען שטאָלץ מיט אים זעענדיק אים אויספירן זיין נאַציאָנאַלע פליכט אין מונדיר און מיט דער ביקס אין האַנט. דאמאָלס ווען פנינה, די מוטער און פרוי, איז געווען פול זאָרג און ציטער. מדינת ישראל איז נאָך דעמאָלט געווען אַ ווייטער חלום און צבא־הגנה־לישראל, דער אויסלייזער, איז דעמאָלס געווען מער סינאָנים פון דוד המלכ׳ס חיילות, מכבייער אָדער בר־כוכבא, און די קעמפערישע „אירגונים״ האָבן אבטיחי׳ן מער דערמאָנט די אָרגאַניזאַציעס פון „סאַמאָ־אָבאָראָנא״ (זעלבסטשוץ) אין שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע פאַר און אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איידער שטענדיק יידיש מיליטער. אָבער מיט זיינע גייסטיקע אויגן האָט ער געזען זיין זון אַ סאָלדאַט אין יידיש מיליטער ממש, נישט אין אַ „בריגאַדע״ פון אַ וועלכע ס׳איז פרעמד מיליטער. יידיש מיליטער אונטערן באַפעל פון א יידישע רעגירונג וואָס מאַרשירט פעסט און פריי אין די הויפּט־גאַסן פון שטאָט און באַשיצט דאָס פאָטערלאַנד. „סמיכות״ צו זיין חלום האָט ער געשעפּט פון דער נבואה פון נביא פון ציוניזם און „יודענשטאַט״.

דעריבער, ווען ס׳איז צו אים דערגאַנגען די איוב־בשורה אין אַ פאַרוואָלקנטן, רעגנדיקן פרימאָרגן פון חודש שבט תש״ח, בערך זיבן חדשים נאָך דעם ווי זיין זון האָט זיך מאָביליזירט אין דער נאַציאָנאַלער יידישער זשאַנדאַרמעריע, וועגן פאַלן פון די זיבן, צווישן

זיי זיין זון מנחם, דורך אַ גרויסער אַראַבישער באַנדע נעבן אזור (יעזור) נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך באַשיצט ביז דער לעצטער קויל און אויסגעהרגעט אַ סך פון דער באַנדע — האָט זיך דער פאָטער נישט צוזאַמענגעבראָכן. ער האָט געוווּסט אַז זיין חלום וועגן אַ „יידיש מיליטער" ממש וועט אין גיכן זיין אַ פאַקט, און ער האָט געוווּסט אַז אויב ער וועט צוזאַמענברעכן, וועט ער מער נישט קענען אויפטאָן — און אבטיחין האָט נאָך דערוואַרט אַ וויכטיקע אויפגאַבע צו דערפילן אין זיין לעבן, ווייל דער געדאַנק צו פאַראייביקן די הייליקע קהילות פון וואָלין לויט ווי זיי זענען ראוי דערצו און לויט ווי ער האָט'ס פאַרשטאַנען, האָט אים שוין דאַמאָלס ניט געלאָזן צורו. ער האָט ניט געקענט זיך ניט פערקוקן אויף די הייליקע אבות, צווישן זיי בערימטע פערזענלעכקייטן און די גרויסע אוהבי־ישראל פון וואָלין און זיי ניט דערהויבן אלס מוסטער לדורות.

און ער האָט נישט געקענט זיך נישט פאַרקוקן אויף די מעשים פון די בנים, צווישן זיי אויך זיין זון, וואָס אין זייער זכות, אין זכות וואָס זיין האָבן פאַרגאָסן און וועלן נאָך פאַרגיסן זייער בלוט פאַרן אויפשטיין און זיכערקייט פון ישראל אין זיין לאַנד, איז אונדז באַשערט אויסגעלייזט צו ווערן, אין קעגנזאַץ פון דער אויבן דערמאָנטער ציטאַטע, ווייל נישט שטענדיק דאַרף מען לייענען ווי ס'שטייט געשריבן, נאָר אויך צווישן די שורות. און ווידער איז געווען אבטיחי דער וואָס האָט אויסגעקלערט דעם געדאַנק פון גרינדן דעם אַרבעטער־מושב „משמר־השבעה", אומר־ועושה, דאָרט ווו ס'זיינען געפאַלן די זיבן יינגע קעמפערס, אַן אייביקן אָנדענק נאָך זיי — פאַרשטייט זיך, מיט דער איינשטימונג פון דער יידישער אַגענץ און מדינת ישראל, אַ סך מיט זייער הילף און אַביסל נישט מיט זייער הילף.

און ווירקלעך. די שטים פון פאַרגאָסענעם בלוט פון בערך אַ מיליאָן וואָלינער ־ אוקראַינער יידן וואָס אבטיחי האָט זיך געזעגנט איינער פון זיי אויף לעבן־און־טויט, און די שטים פון פאַרגאָסענעם בלוט פון די זין אין ישראל, צווישן זיי אויך זיין זון וועלכן ער האָט ליב געהאַט אהבת־נפש, האָבן צו אים ווי געשריגן אָן אויפהער. אין יענע טעג האָט ער ווי געפילט באַשיינפערלעך ווי בלוט רירט זיך אָן אין בלוט („דמים בדמים נגעו"), דאָס בלוט פון עלטערן און דאָס בלוט פון זין — צו האָט ער געקענט זיך נישט איינהערן צו אָט דער שטים, זיך נישט אָגרופן אויפן רוף־געשריי פון בלוט און ניט טאָן — ער, וואָס איז געווען אַן אַקטיווער ציוניסט, זיך באַטייליקט אין ציוניסטישע קאָנגרעסן און איז געווען פול מיט מעשים פון זיין יוגנט אָן.

מעגלעך אַז ס'געווען עטוואָס פון מיסטעריען און זיין פאַרגעפיל אַז אויב בלוט פון פאָטער און זון באַגעגענען זיך — איז אַ סימן פון אויפשטיין פון מלכות ישראל און פון נאָענטער גאולה. אָבער ס'אויך געווען אין דעם פונעם טיפן, דורכדרינגענדיקן בליק, פון אַ דינע עקספּערטיזע און גרויסער לאָגיק; מיליאָנען וואָס זיינען געפירט געוואָרן ווי שאָף צו דער שחיטה — האָבן דאָך עפּעס אָנגעזאָגט ברידער און זין. איין דור רעדט צום צווייטן. ביאַליק איז געווען דער וואָס האָט געדיכטעט „מיט זייער טויט האָבן זיי אונדז באַפוילן דאָס לעבן". פירוש אבטיחי, זיי האָבן אונדז באַפוילן קעמפן פאַרן לעבן, קעמפן ממש, אויפן שלאַכטפעלד, ווי די זין פון מכבייער, און אויב ס'וועלן ווירקלעך אויפשטיין אונדזערע זין מקיים צו זיין אָט דעם געבאָט, וועט זיי באַשערט זיין צו זיגן, ווייל זיי וועלן זיין די שליחים פון אבות־קדושים, שליחי מצווה.

אריה אבטיחי, ווייל ער האָט זיך פאַרקוקט אויף די מעשים פון אבות־קדושים, אַריינטראַכטנדיק זיך אין זייער לעבן און טויט און אויפטוענדיק אַ סך, האָט אויך געוווּסט זיך פערקוקן אויף די מעשים פון בנים אין צוזאַמענהאַנג און צוזאַמענגעגאָסן מיט די מעשים פון אבות— און זען דעם נולד. די ליכט פון אונדזער אויפגייענדיקן פרימאָרגן. ער איז געווען אַ דיכטער וואָס האָט געשריבן נישט מיט טינט־און־פעדער נאָר מיט מעשים, איינשליסלעך טאָג־טעגליכע קליינקייטן וואָס אָן זיי איז אוממעגלעך און ווען מ'פירט זיי אויס אָן אויפהער לייגן זיי זיך צענויף אין איין גרויסן ווערטפולן ווערק.

יוסף טאַבאַטשניק

## פּראָטאָטיפּ פון וואָלינער מסירת-נפש-יידן

דער טויט פון אונדזער חבר אריה אבטיחי ז״ל, איז אַ שטאַרקער קלאַפּ, פאַר זיין אייגענער קליינער משפחה און פאַר דער גרויסער משפחה פון די וואָלינער, בכלל.

ער איז פאַקטיש געשטאַנען אין שפּיץ פון דער גרויסער וואָלינער משפחה, וואָס געפינט זיך אין פּראָצעס פון פאַראייביקונג.

אבטיחי ז״ל איז געפאַלן אויף דער וואַך, פאָרנדיק צו אַ זיצונג. ווען ער איז נישט געקומען צו דער צייט, זענען מיר אַלע געוואָרן באַאומרויקט, פילנדיק, אַז מיט אים איז עפּעס געשען, ווייל ער פלעגט תמיד קומען דער ערשטער אויף די זיצונגען. צום גרויסן באַדויערן, איז אונדזער שרעק געווען באַרעכטיקט.

צו וועלן מיר קענען ווייטער וועבן דעם שיינעם געוועב, וואָס אריה אבטיחי האָט אָנגעהויבן און נישט באַוויזן צו ענדיקן?

ער האָט געשאַפן דעם געדאַנק פון אויפשטעלן דעם היכל וואָלין, האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך פיל אָנהענגערס און אַריינגעלייגט אין דעם בויען זיינע כוחות און זיין צייט און געזאַמלט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה. ער האָט זוכה געווען צו זען בלויז דעם אָנהויב פון דער גרויסער אונטערנעמונג, אָבער נישט זוכה געווען צו זען די ענדע. ווי משה רבינו, האָט ער געזען דאָס לאַנד פונדערווייטנס, אָבער האָט נישט זוכה געווען אַריינצוגיין אינעווייניק.

זיין גאַנצע שטרעבונג אין לעבן איז ביי אים געווען זען דעם היכל אויפגעבויט און פול מיט אינהאַלט. צו דער שטרעבונג האָט ער געווידמעט זיין גאַנצע צייט.

באַשיידנקייט, צניעות און העפלעכקייט, זענען געווען זיינע גוטע זייטן, וועלכע האָבן אים באַגלייט, ביז זיין לעצטן טאָג. מיר האָבן אַלע געגלויבט, אַז ער וועט דינען אין היכל ווי דער כהן גדול אין קדשי־קדשים, אָבער דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט.

„רעדט נישט וועגן אָפּלייגן דאָס בויען" פלעגט ער זיך בעטן ביי אונדז, אין די צייטן פון געלט־קריזיס. „איך וויל זען, נאָך פאַר מיין לעבן, דעם היכל וואָלין אויפגעבויט" — און זיינע אויגן האָבן געשטראַלט מיט פרייד, גלייך ווי ער וואָלט אים שוין זען פּרעכטיק פאַרענדיקט.

פון זיין פרישן קבר, דוכט זיך, הערן מיר זיין קול:

„זעצט פאָר די אַרבעט, איר מוזט זי ענדיקן, אומבאַדינגט!"

ער איז געווען אַ פּילזייטיקער מענטש. אַליין טעטיק און מאַכט טעטיק אויך אַנדערע. אַ מוסטער פון די אויסדערווײלטע וואָלינער יידן, וועלכע ער האָט געוואָלט פאַראייביקן.

זיין אָנדענק און זיינע מעשים וועלן פאַרזעצן צו לעבן אין זיין לעבנס־אונטערנעמונג. איך בין זיכער, אַז יעדער וואָלינער ייד וועט צוגעבן אַ ציגל צו פאַרענדיקן דעם היכל וואָלין.

אברהם גל

## דער קינסטלער פון פאַראייביקן

איפּן וועג, פאָרנדיק אין אויטאָ צו אַ זיצונג פון דירעקטאָריום פון וואָלינער פאַרבאַנד איז אַנידערגעפאַלן אריה אבטיחי ז״ל. ער איז אָן שום ספק אויך געווען אין מיטן אַ געדאַנק וועגן היכל וואָלין און וואָלינער יידנטום: ווייל אַזוי איז געווען דער מענטש אריה אבטיחי. מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם אידעאַל פון פאַראייביקן דעם אָנדענק פון יידישן וואָלין און פון די קדושים. אָפיציעל איז ער געווען דער גענעראַל ־ סעקרעטאַר, אָבער פאַקטיש איז ער געווען דער פּרעזידענט און קאַסירער, מאַרקעס אָנקלעפּער און דער בריוו־שיקער...

פון אַלע טריבונעס און צו אַלע צוהערער, אויף טרויער פאַרזאַמלונגען און שילער־פאַרזאַמלונגען איז ער גרייט געווען ביי טאָג און ביי נאַכט צו רעדן וועגן וואָלינער יידנטום, און וועגן חוב צו פאַראייביקן איר אָנדענק. אַזוי אויך ביים רעדאַקטירן דעם ילקוט וואָלין. דער רעדאַקטאָר און שיק־יינגל, דער שרייבער

און קאָרעקטאָר — פלעגט ער שרייבן נעבן „בחור הזעצער״ און אַכטונג געבן אויף זיין אַרבעט און נאָך דעם אַליין צעטיילן דעם ילקוט.

ער איז געשטויסן געוואָרן פון גרויסע אידעאַלן, אָבער אויך פעסט געשטאַנען אויפן באָדן פון דערווירקלעכקייט. אפשר האָט ער געלעבט אינעם ריס פון צווישן אַרומלויפן אויף די פיס אין ווירקלעכקייט, און דאָס דערהויבן זיך אויף די פליגל פון אַ כמור־נבואה... אין זיין אַסקעטישן קערפער האָבן צוזאַמען געוווינט איניציאַטאָר, אַקטיוויסט און פאַרווירלעכער. די עיקר אויפגאַבע פון זיין לעבן, האָט ער געפונען אין פאַראייביקן דעם זכרון פון וואָלינער יידנטום און אויפבוי פון „היכל וואָלין״ וואָס ער איז געווען זייער אַרכיטעקט.

מיט פיל צער און גרויסן ווייטיק האָבן מיר אים באַגלייט אין זיין לעצטן וועג, שטאָלץ, וואָס דאָס יידישע וואָלין האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַזאַ טיכטיקן און איבערגעגעבענעם טוער — אַ געטרייער וועג־ווייזער ווי אַזוי צו פאַראייביקן דעם זכר פון אונדזערע קדושים.

צבי זאגאָראַדער

# פון בית ר׳ לוי־יצחק

אבטיחי איז עולה געווען אין 1920, 15 יאָר פאַר מיר, אָבער באַקאַנט האָב איך אים נאָר מיט 23 יאָר צוריק ווען ער האָט מיך צוגעצויגן פון דער טעטיקייט פאַר וואָלינער עולים ווען ס׳האָט זיך געענדיקט דער צווייטער וועלטקריג און ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע שוואַלבן, געראַטעוועטע פון גיהנום. מענטשן צעבראָכענע וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין הילף. און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די טעטיקייט פון „עולי פולין״ און דערנעבן — דער פאַרבאַנד פון „עולי וואָלין״, מיט אריה אבטיחי אין דער שפיץ.

די צאָל אַקטיווע טוער איז דאַמאָלס געווען זייער קליין, די שוין פאַרשטאָרבענע ה״ה זמיר, גרושעווסקי און אייזנבערג פון ראָוונע, און, זיי צו לאַנגע יאָרן: יעקב ווייגער, פרוי אלוני און איך. מיר פלעגן זיצן יעדן אָוונט, לויט דער ריי און העלפן די נייע עולים מיט וואָס מיר האָבן נאָר געקענט: הילף צו באַקומען שיכון, אַרבעט, אַ ביסל געלט און קודם־כל מיט אַ גוט וואָרט. אַזוי עטלעכע יאָר.

לויט דער איניציאַטיוו פון נפטר האָט ער צוזאַמען מיט אַ. זמיר און ב. צ. אילון אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם „ילקוט וואָלין״. אבטיחי איז געווען רעדאַקטאָר, שרייבער, קאָרעקטאָר, פאַרשפרייטער, שליח... קיין מיטלען זענען נישט געווען. דער פרייז פון אַ העפט איז געווען 25 פרוטות, אָבער אויך דערויף זענען געווען ווייניק בעלנים... דער ילקוט האָט עקזיסטירט נאָר פון די אַנאָנסן, וואָס דער נפטר האָט אַליין געזאַמלט און אַליין אויפגעמאָנט. דאָך האָט זיך איינגעגעבן אַרויסגעבן 2 בענדער פון ילקוט (17 העפטן, און נאָך אַ לאַנגער הפסקה האָט ער אָנגעהויבן דערשיינען ווייטער, ביז איצט 24 העפטן. עטלעכע אין יידיש). די דאָזיקע ילקוטים בילדן, דאַכט זיך, אַ קליין־ענציקלאָפּעדיע פון וואָלינער יידנטום, פערזענלעכקייטן, אנשטאַלטן, אומקום. ער פלעגט זיך טרעפן מיט מענטשן פון די געראַטעוועטע, אויסהערן זייערע דערציילונגען און שרייבן אין זייער נאָמען. אויך פלעגט ער זיך גריבלען אין פאַרשידענע ביבליאָטעקן, זוכנדיק מאַטעריאַלן וועגן פאַרשטאָרבענע און לעבעדיקע און אַזוי אַרום, אונדז באַרייכערט מיט רשימות וועגן בערך 80 וואָלינער קהילות.

אבטיחי פלעגט שטענדיק זאָרגן פאַר אַנדערע. ער האָט געהאַט אין זיך אַ פונק פון ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו. אויף יעדן געפֿערנט זכות. ער איז געווען אַ רודף שלום און שטענדיק שלום געמאַכט צווישן חברים־עסקנים.

ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין ציוניסטישע קאָנגרעסן, אָבער זיין לעבנס־ווערק האָט ער געזען אין פאַראייביקן דעם אָנדענק פון וואָלינער יידנטום און אין פאַראייניקן וואָלינער יידן אין דער גאַנצער וועלט.

מיט אבטיחיס טויט האָט זיך געשאַפן אַ ליידיקער חלל, אָבער לאָמיר האָפן אַז זיין געבענטשטע אַרבעט וועט נישט גיין פאַרלוירן אַז זיינע חברים וועלן ממשיך זיין זיין וועג.

נועם זכאי

# דער כח פון התלהבות

ווען ס׳איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן „היכל וואָלין", האָב איך נאָך אבטיחין נישט געקענט, אָבער כ׳האָב וועגן אים אַ סך געהערט אַלס אַקטיווער מענטש און כלל טוער. שטענדיק פול מיט אידייען לטובת הכלל, שטענדיק קאָנצענטרירט אַרום זיך מיטהעלפערס. אַ דאַנק זיין איבערגעגעבנקייט און באַשיידנקייט, ווערן אַלע באַאיינפלוסט פון אים, הערן זיך צו און העלפן אים. כיבודים לאָזט ער פאַר אַ צווייטן. ווען ס׳איז אויפגעשווומען ביי אים דער געדאַנק אויפצובויען דעם היכל — אַ מאָנומענט פאַר די אומגעקומענע וואָלינער יידן, און ער האָט געזוכט שותפים פאַר זיין געדאַנק, — האָב איך זוכה געווען צו זיין פלוצלונגן באַזוך אין מיין אַרבעטס-ביוראָ אין גבעתיימער שטאָט־ראַט. ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט זיין פּלאַן און נאַאיוו געגלויבט, אַז יעדער שטאָט וועט זיין גרייט שפּענדן צו דעם צוועק דעם צענטראַלן פּלאַץ, ווי אויך פינאַנסיעלע הילף. איך האָב געשוויגן און געקלערט: זאָלן אים אַנדערע אנטוישן.

אָבער ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן. מיך באַזוכט גאַנץ אָפט און אין מיר אַזוי פיל אַריינגערעדט, ביז כ׳האָב זיך געלאָזט איבערעדן, און אַנגעשטעקט געוואָרן פון זיין אידייע. און בעת אַ זיצונג פון שטאָטראַט, האָב איך מיט גרויס התלהבות און זיכערקייט גערעדט וועגן דעם חוב און אינטערעס פון אונדזער שטאָט גבעתיים, שענקען דעם גרעסטן, בעסטן פּלאַץ פאַר דעם היכל. און... די מיטגלידער פון שטאָט־ראַט האָבן געגעבן זייער הסכמה.

איך בין געווען נאַאיוו, געמיינט: איצט וועט ער מיך פריי לאָזן. אָבער ער האָט אַלע מאָל אויסגעפונען אַ וואָלינער תושב פון גבעתיים און געקומען בעטן, איך זאָל ווירקן אויף אים, ער זאָל זיך באַשטייערן פאַר דעם היכל. נישט איין מאָל אויף זיצונגען פון היכל־קאָמיסיע, האָב איך זיך געוווּנדערט וואָס אַלע האָבן בכבודיקע שטעלן, נאָר אבטיחי אַליין אַנטלויפט פון די אַלע כיבודים — אָבער ער נעמט אויף זיך אויסצופירן די רעזאָלוציעס וואָס ווערן אַנגענומען און ווייזט אַרויס גרויס איניציאַטיוו, ענערגיע און פלייסיקייט.

דער היכל בויט זיך, אבטיחי באַקומט פליגל, פיל ענטוזיאזם און פּלענער וועגן דעם אינהאַלט, וואָס דער היכל דאַרף אַנטהאַלטן. אין איין שיינעם פאַרנאַכט איז אַרויסגעגאַנגען אונדזער אריה אבטיחי ז״ל פאַרזעצן פאַרווירקלעכן זיין היכל־אידייע, אַרויסגעגאַנגען און נישט דערגאַנגען...

אבטיחי האָט פאַריתומט די משפּחה עסקנים פון דעם היכל וואָלין.

עס פעלט אונדז דער איבערגעגעבענער ענערגישער פאַנטאַזיאָר און שאַפער, פאַראַנטוואָרטלעכער אונטערנעמער און אויפטוער, וואָס האָט געגעבן דעם כלל זיין כח און צייט, זיין באַשיידענע אויפפירונג און ריינעם גייסט.

שמואל ראָזנהעק

# אין שאָטן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה און אקטאבער-רעוואלוציע

היינט איז עס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט ווי קיינמאָל גאָרנישט, אָבער אין אמתן האָט קיין שום ענין נישט זוכה געווען צו אַזאַ ניצחון ווי דאָס אויפלעבן פון דער העברעאישער שפּראַך, וואָס איז אויך געווען סימבאָל און חלוץ פון דער פאַרווירקלעכונג פון די ציוניסטישע חלומות. בלויז מיט אַ יובל יאָרן צוריק, האָבן אונדזערע באַדייטנדע נאַציאָנאַלע דיכטער און דענקער געהאַלטן דעם געדאַנק פון אַ לעבעדיקער העברעאישער שפּראַך אין גלות פאַר אַ שיינעם חלום און נישט מער. פאַר יעדן ציוניסטישן קאָנגרעס פלעגט מען רופן אַ באַראַטונג פון די שרייבער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין קאָנגרעס צוזאַמען מיט די לערער און אַביסל חובבי שפת עבר, — באַלעבאַטישע יידן, פאַרברענטע ליבהאָבער. זיי

פלעגן פאַרבלייבן נאָך אַ פּאָר וואָכן נאָכן קאָנגרעס צו היילן זיך. דאַמאָלס פלעגן זיי באַשליסן צו ברענגען פאַרן קאָנגרעס באַשלוסן וועגן העלפן דער העברעאישער באַוועגונג אין גלות — און אויפן קאָנגרעס גופא האָט מען אויך צוגעלאָזט אַ רעפערענט פאַר שפּראַך און דערציאונג און מ'האָט אָנגענומען שיינע באַשלוסן, וועלכע מ'האָט פּראַקטיש קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט... אויף איינעם פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, האָט זיך אַ דעלעגאַט — און דווקא פון אָדעס, די שטאָט פון ביאַליק און קלויזנער, עוויאַניצקי האָט ער געהייסן, אויסגערופן אויף קאָנגרעס־דייטש: „פיר העברעאיש אַלע סימפּאַטיען, נור קיינען איינציגען פפעניג". אויף דער קאָנפערענץ אין האאג האָט ביאַליק געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ פאַרשווענדונג פון כוחות. ווען מען גיט זיך אַזוי פיל אָפּ מיט דער פראַגע פון דעם העברעאישן לשון אין גלות אַלס אַ גערעדטע שפּראַך... בלויז ארץ ישראל אין דער פלאַץ דערפאַר — אָבער אין גלות דאַרף די „עבריה" („די העברעאישע געזעלשאַפט פאַר תחיית השפה") זיך פאַרנעמען מיט פּראַקטישערע ענינים, ווי למשל די דאגה פאַר פאַרשפּרייטן די העברעאישע ליטעראַטור. „ווייל לויט מיין מיינונג... קיין שפּראַך אין דער וועלט קען זיך נישט אַנטוויקלען אָן אַ נאַטירלעכער נויטווענדיקייט". אפילו זייענדיק שוין אין ארץ ישראל האָט ביאַליק נאָך געהאַט גענוג ספקות וועגן נצחון פון עברית.

אחד־העם, דער גייסטיקער פירער האָט אין יענע יאָרן געענטפערט אויף אַ העברעאישער באַגריסונג — אין רוסיש... בערנפעלד און בערדיטשעווסקי פון די אָנפירנדע העברעאישע שרייבער אין יענער צייט האָבן געשריבן אַרטיקלען קעגן דער קינסטלעכער באַלעבונג פון שפת עבר. פרישמאַן האָט אויף זיין שטייגער אויסגעלאַכט די העברעאיש־רעדנער אין וואַרשע. דער כמעט איינציקער קאָנסעקווענטער פון אויפלעבן העברעאיש און דערציאונג אין העברעאיש פאַר א ל ע לימודים אין גלות, איז געווען זשאַבאָטינסקי מיט זיין באַקאַנטער רעדע אין 1913 אויף דער ציוניסטיש־רוסישער קאָנפערענץ אין ווין פאַרן 11־טן ציוניסטישן קאָנגרעס (דער קוראַטאָריום פון טעכניקום אין חיפה האָט דאַמאָלס אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז „די אונטערריכטס־שפּראַך דאַרף זיין דייטש"). דאַמאָלס איז געקומען דער אויפשטאַנד פון לערער און שילער פון גאַנץ ארץ ישראל און מיט זיי אויך פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער גאָרערע וועלט. אָבער דאָ האָט זיך אונטערגערוקט, די ערשטע וועלט־מלחמה און יידן זענען געלאָפן פון אָרט צו אָרט, און אַלע אידעאַלן און חלומות זענען אויסגעוועבט געוואָרן.

ב.

1914. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט־מלחמה. יידן פון וואַרשע און פון מערב רוסלאַנד לויפן קיין מזרח. צווישן זיי סוחרים און כלל־טוער. מ'דערלאַנגט זיך אַפילו קיין מאָסקווע, ווו ס'איז צייטווייליק דערלויבט געוואָרן אויך יידן צו וווינען. די „חובבי שפת עבר" דאָרט האָבן באַקומען הילף און עסקנים און לערער, וואָס זיינען אָנגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט און באַלד די פּליטים, וואָס האָבן שוין באַוויזן זיך גוט איינצואָרדענען אויפן נייעם אָרט מיט הלל זלאַטאָפּאָלסקי ז"ל און זיין טאָכטער שושנה פערסיץ בראש, האָבן באַוויזן אויפצובויען אַ נעץ פון העברעאישע שולן מיט העברעאישער אונטערריכטס־שפּראַך פאַר א ל ע לימודים, און תיכף נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע אין פעברואַר 1917, האָבן זיי אין דעם נאָר וואָס־באַפרייטן רוסלאַנד גערופן אַן אַלרוסישע העברעאישע קאָנפערענץ, אין וועלכער ביאַליק האָט מיט פּאַטאָס אַריינגעשריגן: „אונדזער לשון וועבט דעם נאַציאָנאַלן „איך" און איז אַ תכלית פאַר זיך אַליין... און נאָר זי קאָן אונדז פאַרהיטן דווקא נאָך דער באַפרייאונג פון אַסימילאַציע... מיר מוזן האָבן איין לשון...".

זלאַטאָפּאָלסקי מיט זיין טאָכטער און די גאַנצע אָנפירונג, וואָס זענען געקומען פון קיעוו, האָבן שוין פריער באַוויזן אויפצושטעלן אַ היפּש ביסל שולן אין דער קיעווער גובערניע און ווו נאָר זייערע שליחים זיינען דערגאַנגען. איצט, מיט דער גרינדונג פון דער צענטראַלע מיטן נאָמען „תרבות" האָט זיך אויסגעוויזן, אַז

דער חלום פון דער גאַנצער העברעאיזירונג פון דער יידישער דערציאונג האַלט ביי פאַר־ווירקלעכט ווערן.

ליידער האָט די צווייטע באָלשעוויסטישע אי־בערקערעניש, די אַזוי גערופענע אָקטאָבער רע־וואָלוציע, אַ סוף געמאַכט צו אַלע נאַציאָנאַלע און ציוניסטיש־העברעאישע אַספּיראַציעס און אַ סך עסקנים און לערער זענען זיך צע־לאָפן אין די שכנותדיקע לענדער, וואָס האָבן באַוויזן זיך אָפּצורייסן פון רוסלאַנד, ווי פּוילן, ליטע, לאַטוויע און אַנדערע.

איינער פון זיי איז געווען לייבל גאַרבוז, שפּעטער אריה אבטיחי, וועלכער איז מיר כמעט צופעליק אַנגעקומען אַנטלויפנדיק פון דער מיליטערישער געפאַנגענשאַפט פון טיף רוסלאַנד.

ג.

נאָך זיצנדיק אין רוסלאַנד, אַ הונדערט קי־לאָמעטער פון פערם צווישן די בערג פון אוראל, האָב איך מיט אייניקע מיינע מיט־געפאַנגענע חברים, אַ טייל סטודענטן, גע־קלערט און דיסקוטירט וועגן דער לאַגע פון די יידן נאָכן קריג. ס'האָט זיך אונדז נישט אַזוי שלעכט געלעבט, און מיר זענען פריי געווען לויט די האַאַגער קאָנווענצן צו פירן אונדזער לעבן אַליין — פאַרשטייט זיך אין די ראַמען פון געפאַנגענע — אונטער השג־חה און מיר האָבן אויך באַקומען צייטונגען פון רוסלאַנד און אויך דעם אין מאָסקווע אַרויסגעגעבענעם „העם", רעדאַקטירט פון ד"ר גליקסאָן ז"ל.

דעם „העם" האָט אונדז געשיקט מיינע אַ חברטע, די שרייבערין ד"ר חוה שפּירא („אם־כל־חי"). זי האָט אונדז אויך געשיקט דעם „השילוח". מיר האָבן געקאָנט נאָכפאָלגן דאָס לעבן פון די יידן און געוווּסט פון קאָנפע־רענצן, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף דער יידישער וועלט אין רוסלאַנד און די „תרבות" קאָנפערענץ אין מאָסקווע האָט אונדז ממש געהויבן פון די ערטער. צוויי פון אונדז האָבן אויך אויסגעאַרבעט פּלענער זייענדיק פּעדאַגאָגן און לערער, ווי אַזוי אויפשטעלן אַ שול־נעץ אין עסטרייך נאָך דער מלחמה.

שטיצנדיק זיך אויף די באַשלוסן פון קראָ־קאָ און הילזינגפאָרסער באַשלוסן פון די ציו־ניסטן אין 1906, האָבן מיר געפּלאַנט זיך לאָזן קודם קיין מאָסקווע און זיך אַנשליסן אין זייער אַרבעט, אָבער די קאָמוניקאַציע און אַד־מיניסטראַטיווע שוועריקייטן האָבן אונדז אָפּ־געהאַלטן און איידער מיר האָבן געפונען נייע דרכים און עצות, האָט אונדז פאַרכאַפּט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע און ס'האָט אונדז געדראָס, אַז די סאָלדאַטן, רוסישע און אויך עסטרייכישע, זאָלן מיט אונדז זיך נוהג זיין פונקט ווי מיט די רוסיש־צאַרישע אָפיצירן. אַרטיקע רוסן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך גוט באַפריינדעט מיט דער צייט, האָבן אונדז גע־האָלפן אַנטלויפן פון דער סאַמאַטאַכע און מיט גרויס סכנת־נפשות האָבן מיר זיך דער־לאַנגט צו דער גרענעץ. נאָך לאַנגע טענות, האָבן אונדז די דאָרטיקע דייטשע וואַכפּאָסטנס ביי אָרשאַ, געלאָזן ווייטער פאָרן...

אויפן וועג — מיר לעכצן נאָך אַ ביסל היי־מישע נייעס פונעם קייזער און דער מדינה — והנה אַ נייע צרה. פון איין רעוואָלוציע — אין אַ נייער איבערקערעניש אַריין... אָן אַ צאַר און אָן אַ קייזער, און די מדינה עסטרייך, וואָס מיר האָבן נישקשה ליב געהאַט, צעפאַלט זיך, ווי די רוסישע, נאָר די באַזעצטע גע־ביטן, פּאָלעסיע און וואָלין ווערן דערווייל פון קייזער ווילהעלמס מיליטער געהיט... ביי יעדער סטאַציע הערט מען שוין נייעס, אַז דער עולם אין גאַליציע בונטעוועט זיך און מ'רעדט אויך פון פּאָגראָמען. מיר שטייגן אָפּ אין ראָוונע. אויסגעפּוצט אין אונדזערע יום־טוב־דיקע מונדירן און פּרווון צו רעדן און אויפ־רעגן די פאַרבייגייער, וואַרפן אויך אַריין אַ לשון־קודש וואָרט. צוויי פריילנס מיט אַ מאַן, אַ ברודער — פאַרן קריג געלערנט אין יפוער גימנאַזיע — פאַראינטערעסירן זיך מיט אונדז און נאָך אַ קורצן שמועס פירט מען אונדז אַ־היים אין אַ לעדער פאַבריק, רעדנדיק שוין העברעאיש... און אַנטקעגן אונדז קומט אָן אַ שוואַרצער יונגערמאַן — און די שמחה ווערט גאָר גרויס — דאָס איז דאָך לייבל גאַר־בוז, דער בעל־החלומות פון אַ „גימנסיה עב־רית" און פונקט זוכט ער לערער...

האָב איך שוין אַלזאָ אַ פּאַטראָן. מ'רופט נאָך

עמיצן און מ׳באַשליסט אַז איך טאָר דערווייל אין ראָוונע נישט בלייבן, ווייל די דייטשע קאָמענדאַנטור האָט שטרענג באַפוילן, אַז אַלע עסטרייכער און בפרט אָפיצירן, מוזן זיך באַלד מעלדן דאָרט, און אויב נישט... בקיצור, מ׳האָט מיין שיינעם מונדיר מיט די באַפוצונגען פאַרביטן אויף אַ רוסישער רובאַשקע און איך האָב באַקומען אַ פנים פון איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, און באַלד אָריבערגעפאָרן אין אַן אַנדער שטעטל, אַלעקסאַנדריע. מיט שומרים, פאַרשטייט זיך.

ד.

ווייטער הויבט זיך שיון אָן די געשיכטע פון דער גרינדונג פונעם העברעאישן שול־וועזן אין וועלכן גאַרבוז (אבטיחי) האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל אמונה און כוחות, און זיינע בריוו און צירקולאַרן פליען אין אַלע עקן מיט עצות און הילף... אָט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָ בין איך געבוירן געוואָרן און האָב דאָ געפונען מיינע שוועסטער און ברידער — ווען לייבל גאַרבוז גיט פלוצלונג אַ זאָג: מ׳דאַרף באַלד רופן אַ קאָנפערענץ און מ׳דאַרף בילדן אַ צענטראַלע... און מ׳דאַרף שיקן קיין קיעוו און קיין אָדעס, און מ׳דאַרף ברענגען לערער און ביכער, און אומר ועושה! ס׳דאַכט זיך, גלייך מיר רייסן אויך אָפּ אַ שטיק רוסלאַנד און מאַכן זיך דערווייל אַ קליינע לשון־קודשדיקע מלוכהלע אין וואָלינער ראַיאָן, אונטער דער פירונג — תמיד נישט אָפיציעל — פון דעם פאַרשטאָרבענעם געטרייען גאַרבוז — אבטיחי ז״ל, וואָס האָט אַזוי פיל געזאָרגט פאַר העברעאיש און אירע טרעגער, און ווען ס׳נאָך באַשערט געווען אַ סך אויפטאָן אין זיין לעבן און זיין דער אַרכיטעקט פון פאַראייביקן דעם אָנדענק פון הונדערטער טויזנטער וואָלינער ברידער און שוועסטער, צווישן זיי אויך אַ סך פון אונדזערע תלמידים...

## מיר זיינען פאַראָרימט געוואָרן

ניסן פירער
פאָרזיצער פון פעדעראַציע פון
וואָלינער יידן אין אַמעריקע

מיט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן טרויערן מיר אויפן גרויסן פאַרלוסט פון טייערן אָנפירער פון דעם וואָלינער שבט פון ישראל, און פון אומעטום אויף דער וועלט, ווו זיין נאָמען איז באַליבט: אריה אבטיחי ז״ל.

געשטאָרבן דער האַרציקער חבר, דער אַרכיטעקט פון פראָיעקט: פון צוזאַמענגענומען פאַרקניפּן, די אָפּגעריסענע עקן פעדימער פון די לעבן געבליבענע וואָלינער יידן. צעזייטע צעשפרייטע האָט ער מיט דעם „היכל־וואָלין" געדאַנק, פאַרכאַפּט די הערצער פון וואָלינער יידן, ווי אַ מאַגנעט האָט ער צוגעצויגן לאַנדסלייט, זיי אויפגעוועקט פון דעם לעטאַרגישן שלאָף, געוועקט, גערופן און געמאָנט אחריות, אַ חוב צו פאַראייביקן...

שווער איז אויף אים געלעגן די שווערע לאַסט פון די פיל זייטיקע פליכטן צו דורכפירן זיין גרויסע אויפגאַבע. און ווי משה רבינו, איז ער געשטאַנען — אויפן באַרג און פון ווייטן געזען דעם ציל... אָבער ס׳איז אים נישט באַשערט געווען אַריינקומען אין דעם אַרויסגעענדיקטן „היכל", צו וועלכן ער האָט אַזוי געשטרעבט.

מיר זענען געוואָרן אָרימער, אונדזערע רייען שיטערער, ס׳א גרויסער ווייטיק פאַר זיין משפחה און אַ צער פאַר אונדז, זיינע פריינט און מיטאַרבעטער.

געשטאָרבן ווי אַ קעמפער אין מיטן וועג פון פאָרן צו אַ זיצונג.

אין נאָמען פון אַלע זיינע אינטימע פריינט אין אַמעריקע, אין נאָמען פון די חברים, וועלכע זענען געשטאַנען מיט אים אין דער אַרבעט פון בויען דעם „היכל", בויגן מיר, איך און מיין פרוי, דעם קאָפּ פאַר דעם האַרציקן און ליבן אריה אַבטיחי. מיר האָבן אים באמת ליב געהאַט און געשעצט!

מיר זאָגן צו אַז אין אַלע מעשים לטובת דעם „היכל", וועלן מיר אים געדענקען. זיין גייסט וועט אַלע מאָל זיין פאַרבונדן מיט די דערגרייכונגען פאַר דעם היכל־וואָלין ווען מיר

וועלן זוכה זיין זען אים אין זיין פראכט און אַ כוח המושך פון אַלע וואָלינער ברידער און שוועסטער.

לאָמיר אַלע צוזאַמען דערפילן אונדזער חוב און צוזאַמען בויען דעם היכל, קיין גרעסערן כבוד זיין אָנדענק קען איך נישט געפינען...

מיר דאָ וויסן און באַגרייפן, אַז קיין פאַר־טרעטער, וואָס זאָל בכוח זיין איבערנעמען זיין אָרט, וועט זיך נישט אָפּזוכן ביים בעסטן ווילן, אָבער כ׳בין זיכער, אַז ווען אבטיחי זאָל קענען ריידן, וואָלט ער געזאָגט: „חברים! אַבטיחי איז געשטאָרבן? זייט נישט פאַר־צווייפלט! נעמט זיך צו דער אַרבעט! בויט אויף דעם „היכל" און זייט געבענטשט!

✡

די טרויער פאַרזאַמלונג צו זיין אָנדענק, שבת אָוונט, דעם 27־טן אַפּריל אין ניו־יאָרק, האָט באַשטעטיקט די רעזאָלוציע אין דער פאָרעם פון אַ „טרויער אויסדרוק" צו אבטיחיס אָנדענק און זיך באַשטייערט מיט אַ געוויסער סומע, צו פאַראייביקן זיין גרויסןביישטייער צום אָנדענק פון וואָלינער אומגעבראַכטן יידנ־טום.

צבי בערגער

פאָרזיצער פון וועלט־פאַרבאַנד
פון וואָלינער יידן

## אין די דרכים פון די גדולי הדורות אין וואלין

ס׳געווען אַ ביטערער טאָג, ווען מיין פריינט און טייערער חבר, אריה אבטיחי ז״ל, דער ערשטער אָרגאַניזאַטאָר פון וואָלינער פאַר־באַנד איז אַוועק פון אונדז אין אייביקער רו. צוגענומען געוואָרן פון זיין גרויסער צאָל ידידים און פון זיין לעבנס־ווערק היכל וואָ־לין — די מצבה צו פאַראייביקן דאָס וואָלינער יידנטום, 165 יידישע קהילות וועלכע זיינען מערדעריש אומגעקומען. אַ ווערק וועלכן ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן, אים געווידמעט געדאַנק און התלהבות. ער האָט געקליבן, אָרגאַניזירט און פאַראייניקט די שאַ־רית הפליטה אין לאַנד און אויסלאַנד און איינ־געוואָרצלט אין זיי דעם געדאַנק פון „שמור וזכור". ער האָט ווי געלעבט אין אַן אַנדער וועלט, פול מיט געפילן און גוטע, מענטשלע־כע באַציאונגען. פון ברודערשאַפט און פריינט־שאַפט. געענוי ווי די גדולי הדורות אין וואָ־לין, וואָס זיי און זייער לערע האָט ער גע־וואָלט פאַרטייטשן אונדזער דור און די קומענ־דיקע דורות, כדי זיי זאָלן גיין אין זייער וועג. אַ וועג אין וועלכער ער האָט זיך באַמיט, קודם כל, גיין אַליין.

אריה אבטיחי איז געווען אַ מענטש פון ספרא און סייפא („בוך און שווערד"). אַ שטאַר־קער דיסקוסאַנט איבער אַקטועלע, ברענענדי־קע פּראָבלעמען. דעריבער איז ער אויך גע־ווען פון די טאָן־געבער אין אונדזער געזעל־שאַפט, בפרט פון דער וואָלינער, זיין פּערזענ־לעכער צויבער און בנעימותדיק שמועסן זענען דער יסוד פון זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן דער אַרבעטנדער ליבעראַלער געזעלשאַפט אין ישׂ־ראל. אָבער זיין הויפּט־כוח איז געווען אין אָרגאַניזירן און עס איז קיין וווּנדער נישט וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיינע אַקסל דעם הויפּט־לאַסט פון פאַרבאַנד און איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים געגעבן פאַרב און קאָלאָריט.

מיר זענען געבליבן פאַריתומט. אַ לײדיקער בלויז האָט זיך געשאַפן מיט זיין אַוועקגיין אין מהות פון אונדזער פאַרבאַנד. ער האָט גע־האַפט פאַרבינדן צוזאַמען פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט, צוקונפט, פון „זיין געמיינדע", לויט ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען און געוואָלט — און נישט באַוויזן...

וואָס וועט אונדז טרייסטן?

— דאָפּלטע ענערגיע, האַנט־ביי־האַנט און מיט אַלע כוחות — כדי ענדיקן וואָס שנעלער דעם בנין. זיין לעבנס־ווערק. דאָס איז זיין צוואה און אונדזער חוב איז איר רעאַליזירן.

# טרויער־אקאדעמיע צו די שלושים פון אריה אבטיחי ז״ל

דאנערשטיק אָונט, אור ליום כ״ו באייר תשכ״ח (דעם 23־טן מאַי 1968). צו די שלושים נאָכן טויט פון אריה אבטיחי ז״ל, איז פאָרגעקומען אַ טרויער־אַקאַדעמיע געווידמעט זיין אָנדענק, איינגעאָרדנט דורכן וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן אין ישראל. דער טרויער־אָונט איז אָפּגעריכט געוואָרן אין שיינעם זאַל פון „בית הרופא״ אין תל־אביב, וואָס איז געווען איבערפולט מיט וואָלינער פריינט און אַנדערע פון גאַנצן לאַנד.

אין אָונט האָבן אַנטייל גענומען אַלע חברים פון פרעזידיום און אָנפירערשאַפט פון פאַרבאַנד און דער באַוווסטער חזן ה׳ מיכאל נאור, וואָס האָט געזונגען קאַפּיטלעך תהילים און אל מלא רחמים. געעפנט האָט דעם טרויער־אָונט ה׳ משה בורקאָ, וויצע־פאָרזיצער פון פאַרבאַנד.

מיר ברענגען דאָ אַ קורצן אויסצוג פון די ווערטער, לויט ווי זיי זיינען געזאָגט געוואָרן:

## משה בורקאָ:

פול מיט ווייטיק און טרויער האָבן מיר זיך דאָ פאַרזאַמלט, קרובים, חברים, תלמידים און פאַרערער פון אריה אַבטיחי ז״ל, זיך מתייחד זיין מיט זיין אָנדענק. ס׳איז אַוועק פון אונדז אַ געטרייער פריינט, און עסקן, לערער און וועג־ווייזער.

שוין שלושים, דרייסיק טעג אַז אריה, דער לייב אינעם אַקטיוו פון וועלט־פאַרבאַנד פוז די וואָלינער יידן איז פון אונדז אַוועקגענומען געוואָרן. מיר זיינע נאָענטע חברים, האָבן שטענדיק געוווסט אָפּשאַצן זיין איבערגעגעבענע פרוכטבאַרע ארבעט, דעם אופן ווי ער האָט פאַרווירקליכט דעם געדאַנק צו גרינדען דעם וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט און דאָס אויפשטעלן דעם „היכל וואָלין״ אלס דענקמאָל פאר די וואָלינער קדושים און אומגעבראַכטע קהילות. ווייל אריה אַבטיחי ז״ל איז געווען נישט נאָר דאָס שוועבעלע וואָס האָט אָנגעצונדן הערצער, נישט נאָר דער פאַקל, וואָס האָט אונדז אַלעמען באַלויכטן דעם וועג; ער איז געווען דער סנה וואָס האָט געברענט אָן אויפהער פון ליבע צו זיין פאָלק און צו זיין טהאַט. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטון מיט התלהבות און ברען, ס׳האָבן אים ניט אָפּגעהאַלטן קיין שוועריקייטן. ווען ער האָט געשענקט זיין ליבע צום וואָלינער יידנטום, האָט ער זיך דערהויבן אַלץ העכער און העכער און איז געוואָרן דער סימבאָל פון דאָזיקן יידנטום מיט זיין אַיינפאַכקייט און טיפקייט, ניכטערן פארשטאַנד און מסירות־נפש, גלויבן און באַשיידנקייט, שטיל און פשוט איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז אַנטלויפנדיק פון כבוד.

גרויס איז געווען זיין ליבע צום פאָלק און לאַנד און צו יעדן איינעם אַלס מענטש. ווען ער האָט זיך מיט עמיצן באַפריינדעט, איז ער געווען אים איבערגעגעבן מיטן לייב און לעבן.

אין „היכל וואָלין״, אלס מצבה די וואָלינער קדושים און גאַנצן וואָלינער יידנטום, האָט ער געזען זיין לעבנס־ווערק וועלכן ער האָט זיך באַמיט צו פאַרווירקלעכן מיט אומאויפהערלעכע מעשים יעדע שעה, יעדע רגע.

דעם חוש צו מעשים האָט ער געשעפּט פון בטחון און טיפן גלויבן. געטאָן אַלץ מיט פרייד און שאַפונגגענוס און קיינמאָל ניט אריינגעפאַלן אין יאוש. דאָס האָט אים געגעבן מוט צו פאָדערן אויך פון אַנדערע און ער האָט טאַקע אונדז אָן אויפהער געוועקט, געטריבן אָנצושטרענגען אַלע כוחות כדי צואיילן דאָס אויסערדיקן, פון „היכל וואָלין״. זיינע געדאַנקען און פלענער וועגן דעם אינהאַלט פונעם היכל זיינען געווען גרויס און ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געשטרעבט זיי צו פאַרווירקלעכן.

די גרויסקייט פון אַ מענטש ווערט שטענדיק געמאָסטן לויטן מוסטער וואָס אַנדערע נעמען זיך פון אים. מיר זענען אַלזאָ, פאַרפליכטעט צו מאָביליזירן אלע אונדזערע כחות און אויסענדיקן ווי אַמשנעלסטן דעם „היכל וואָלין״ אלס פאראייביקונג פונעם וואָלינער יידנטום און אויך איר דערלייזער — אריה אבטיחי ז״ל. אויף אָט דעם וועג זאָל אונדז באַגלייטן דער געבענטשטער אנדענק פון אונדזר אריה־לייב, וועלכער איז פלוצים אַנטשוויגן געוואָרן.

# זאב אפטער:

דערמאָנען דעם אָנדענק פון אריה אבטיחי ז״ל; רעדן וועגן אים אין נוסח „געווען אַ חבר — און נישטאָ מער״ — איז גאָרנישט אַזוי פשוט. צופיל איז ער געווען איינגעבאַקן אין האַרצן פון יעדן איינעם פון אונדז; צופיל איז ער געווען חבר, כדי זיך צוגעוווינען צום געדאַנק אַז ער איז נישטאָ מער מיט אונדז. ווען דער חזן, פאַרן פאַרלאָזן דעם קבר האָט געזאָגט, לויטן מנהג, צום נפטר: „זאָלסט זיין אָפּגעשיידט פון אַלע דיינע פריינט, חברים, פאַרבאַנדן א. א. וו.״ — איז אדורך אַ ציטער. ווי קען מען אַזוי זאָגן לגבי אבטיחי זל, דער אַזוי איבערגעגעבענער צו אַלץ און אַלעמען. אריה־לייב דער „ארי שבחבורה״, דער לייב צווישן אונדז. זיין נאָמען איז באמת געבאַנגען פאַר אים, ווי מ׳דריקט זיך אויס אין עברית. כ׳וויל דאָ ציטירן דעם נביא: „גייט אַרום אין די גאַסן פון ירושלים און זעט נאָר און ווייסט נאָר, צו וועט איר געפינען אַ מענטשן? צו איז דאָ ווער וואָס טוט משפט, זוכט גלויבן?״

מיר האָבן אין אבטיחין יאָ געזען אַזאַ מענטשן. אַ מענטש וואָס האָט געטון משפט און געגלויבט טיף אין גערעכטיקייט פון דורות.

פינף יאָר האָבן מיר געאַרבעט צוזאַמען, געשאַפן, געבויט צוזאַמען. אַזוי, גאַנצע טעג און גאַנצע וואָכן — פאַר אַ צוועק וואָס איז ביי אים געווען הייליק און טייער. וואָס איז ביי אים געווען גערעכטיקייט און גלויבן. ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין רו, ווייל שטענדיק האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט צו ווייניק געטון. אַז ער האָט עפּעס פאַרפעלט.

מיט זיין אַוועקגיין פון אונדז האָט זיך געשאַפן אַ בלויז, אַ ליידיקייט וואָס קיינער קען עס נישט אויספילן. איך פיל דאָס ממש. אונדזער הייליקע רחוב לגבי אים איז גיבר זיין זיך זעלבסט און אויספירן זיין נישט געשריבענע און נישט דערזאָגטע צוואה: אויסענדיקן דעם היכל וואָלין און פאַרבינדן זיין נאָמען מיט דער טעטיקייט פאַרן וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד.

מיר זאָלן אַלע זיין אָפּגעשיידט פון אים, אָבער מיר זאָלן אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן. זאָל זיין אָנדענק געבענטשט זיין צוזאַמען מיטן אָנדענק פון די אַלע קדושים, וואָס זיין איינציקער ציל אין לעבן איז געווען זיי צו פאַראייביקן. זאָל זיין לעבנס־ווערק פאַרענדיקט ווערן דורך אונדז אַלעמען.

# יוסף טאַבאַטשניק:

אין טרויעריקן פאַרנאַכט, ווען מיר האָבן זיך דערוויסט, אַז אריה אבטיחי האָט אונדז פאַרלאָזן, אויף אייביק, איז געווען ביי מיר דער געפיל, אפשר אויך ביי אַנדערע, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו וואָלט זיך אָפּגעריסן פון די וואַגאָנען, און האָט זיי איבערגעלאָזט שטיין אין מיטן פעלד. אַ גרויסער טרויער האָט אונדז, זיינע נאָענטע חברים, באַהערשט.

נישט נאָר וואָלינער יידן, באַדויערן זיין אומדערוואַרטעטן טויט, נאָר אויך די פאַראייניקונג פון די רוסישע יידן, וואָס דער פאַרשטאָרבענער אבטיחי איז געווען אַ טייל פון זיי. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם גייסט און די גוטע מידות פון דעם רוסישן יידנטום, מיט וועלכע ער האָט זיך אינטערעסירט און געוויטיקט זייער טראַגעדיע.

זיינע לעצטע יאָרן, האָט ער געווידמעט דאָס בויען דעם היכל וואָלין און האָט געשטרעבט אים צו פאַרענדיקן.

גאָרקיס רירנדע דערציילונג „סימפּלאָן״, פּאַסט זיך זייער צו אבטיחיס שטרעבונג און צו זיין טראַגישן גורל. גאָרקי דערציילט ווי אַזוי אַרבעטער, וועלכע האָבן געגראָבן דעם באַוווּסטן טונעל סימפּלאָן אין די אַלפּן, האָבן געשטרעבט באַזיגן די נאַטור, דורכשניידן דעם באַרג וואָס שנעלער, כדי די ביידע גרופּעס אַרבעטער, פון ביידע זייטן זאָלן זיך באַגעגענען. איין אַרבעטער, וואָס איז קראַנק געוואָרן און האָט געפילט. אַז ער וועט נישט זוכה זיין צו דערלעבן די באַגעגעניש, האָט באַשוווירן זיין יונגן זון, אַז ווען די גליקלעכע שעה וועט קומען, זאָל ער צוגיין צו זיין קבר און אים אָנזאָגן די בשורה.

אויך מיר גראָבן, בויען אונדזער „סימפּלאָן — היכל וואָלין, פון צוויי זייטן. איין גרופּע דאָ אין ישראל, און די צווייטע — אונדזערע חברים וואָלינער פון דער פעדעראַציע אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער. אויך מיר זענען נישט ווייט פון דערגרייכן דעם ציל; מיר זענען דערגאַנגען מער פון אַ האַלבן וועג.

ווען דער גליקלעכער טאָג וועט קומען, און דער היכל וואָלין וועט זיין פאַרענדיקט, וועלן מיר עולה רגל זיין צו אבטיחיס קבר און אים אָנזאָגן די בשורה.

„היכל וואָלין״ איז געווען נישט נאָר דער צוועק נאָר אויך דאָס ליד פון זיין לעבן.

האָבן מיר דאָך אַמאָל געלערנט אויף אויסנווייניק:

...ס׳איז געווען אַ מענטש — און
נישטאָ שוין מער.
פאַר זיין צייט איז דער מענטש
געשטאָרבן

און זיין לעבנסליד ד׳אינמיטן אָפּ־
געריסן.
אַ שאָד! נאָך אַ ליד האָט ער געהאַט,
איז דאָס ליד פאַרלוירן געגאַנגען,
פאַרלוירן געגאַנגען אויף אייביק.

אבטיחיס לעצט ליד, איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען. מיר, זיינע חברים, וועלן זיך באַמיען דאָס ליד ענדיקן.

ווען דער שיינער בנין, וועט שוין זיין אויפגעשטעלט וועלן מיר אים אָנפילן מיט אינהאַלט און דורך דעם פאַראייביקן אבטיחיס אָנדענק. זיין גייסט וועט אַרומשוועבן אין אַלע צימערן פון היכל און וועט באַגלייטן אַלע אונדזערע מעשים אין הויז.

וואָלינער יידן, און אַלע זיינע חברים וועלן זיין ווערק אויסענדיקן, וועלן אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

# נתן ליבנה:

היינט איז דערשינען ילקוט וואָלין נומער 23. כ׳האָב געהאַט דעם כבוד רעדאַקטירן דעם ילקוט צוזאַמען מיט אונדזער זעליקן פריינט אבטיחי ז״ל. ליידער האָט מען געמוזט אַרויסנעמען אַ ביסל מאַטעריאַל, כדי צו שרייבן איבערן רעדאַקטאָר אַליין ...

פון די ווייניק אַרטיקלען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן און פון די מערערע אַרטיקלען, וואָס זיינען ליידער נאָך נישט אַריי אין דרוק צוליב ווייניק אָרט און צייט, האָבן מיר געלערנט עטוואָס אינטערעסאַנטס: יעדער האָט געזען „זיין פריינט אבטיחי פון זיין שטאַנדפּונקט„, פאַרשטייט זיך, אָבער דער סך הכל איז געווען מערקווירדיק איינציק, וואָס ס׳איז צו זען פון די „קעפּלעך״: „אין די דרכים פון די גדולי הדורות אין וואָלין״; „פּראָטאָטיפּ פון מסירת־נפש־יידן אין וואָלין״; „אַ צווייטער ר׳ לוי־יצחק פון באַרדיטשעוו״; „אַרכיטעקט פון פאַראייביקן״, א. א. וו. און אַז אַלע זאָגן עדות און שרייען אין איין קול — זאָלסטו גלויבן. אַזוי, איז אבטיחי געווען

אין לעבן, אַזוי, וועלן מיר אים געדענקען.

כ׳וויל דאָ צווישן אַנדערע דערציילן אַן עפּיזאָד וואָס נישט קיין סך ווייסן וועגן דעם. אפשר וועט׳ס באַלייכטן נאָך אַ כאַראַקטער־שטריך פון אריה אבטיחי, וואָס ס׳נאָך נישט אַזוי אַלעמען באַקאַנט.

ס׳איז געווען ערב פאַרגאַנגענעם פּסח, כמעט פאַרן אָפּריכטן דעם סדר. פון די נאָכמיטאָג שטונדן האָבן מיר ביידע אָפּגעהאַלטן א רעדאַקציע זיצונג פון „ילקוט״, צוגרייטנדיק מאַטעריאַל צום דרוק. אבטיחי האָט צווישן אַנדערע געלייענט זיין אַרטיקל „דער אָנטייל פון וואָלין אין די עליות״. ער האָט נאָכ׳עם מיר אַנטפּלעקט אַ סוד „אין אמתן האָב איך נישט געשריבן וואָס איך האָב געוואָלט שרייבן, ווייל אין אמתן וויל איך נישט שרייבן נאָר טאָן: כ׳האָב בדעה נאָך מאַכן אין מיין לעבן אַ רייזע אומעטום, ווו נאָר ס׳לעבן וואָלינער יידן, כ׳וועל גיין פון פאַמיליע צו פאַמיליע און פון הויז צו הויז רופן עולה זיין קיין ישראל, אַלט און יונג. דאָס איז דאָך איצט אונדזער ברענענדיקסטע לעבנס־פראַגע! וואָלינער יידן האָבן זיך שטענדיק אָפּגערופן אויפן רוף פון פאָלק און פון זייער געוויסן... כ׳בין זיכער אַז כ׳וואָלט מצליח געווען. אָבער דאָס איז נאָך דערווייל אַ גרויסער סוד, כ׳בעט דיר, רעד נישט וועגן דעם״.

ליידער מעג מען שוין איצט דעם סוד דערציילן, ווייל גלייכצייטיק דערציילן מיר אויך וועגן זיין גרויסקייט, וועגן גייסטרייכן מענטשן וואָס האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַר זיינע וואָלינער שוועסטער און ברידער, אומגעקומענע און — צו לאַנגע יאָרן — לעבעדיקע, האַלטנדיק זיך אַליין אַזוי קליין, אַזוי פּשוט און פּראָסט.

## יעקב זיידל:

ס׳איז נישט לייכט אין איין אָטעם דערציילן וועגן אַלע זיינע מעשים פאַר דער רענעסאַנס באַוועגונג פון יידישן פאָלק. דאָס וועלן טאָן היסטאָריקער. זיי וועלן זיכער אַריינשטעלן דעם פאַרשטאָרבענעם אריה אבטיחי אין דער רייע פון די געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע דינען אַלס ביישפּיל פאַר די צוקונפטיקע דורות.

ווען ער וואָלט בלויז זיך געווידמעט דער טעטיקייט צו אויפלעבן די העברעאישע שפּראַך אין טאָג־טעגלעכן לעבן — וואָלטן מיר געזאָגט „דיינו״; ווען ער וואָלט בלויז געווען דער עסקן, וועלכער האָט אין די שווערע יאָרן פון פּעטליורעס הערשאַפט אין ראָוונע, אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש צו גרינדן די „תרבות״ גימנאַזיע אין ראָוונע מיט דער אונטערריכט שפּראַך עברית, און ביי די אַנדערע מאַכטן ווי די באָלשעוויסטישע און שפּעטער די פּוילישע צו בייקומען די גזרות און נישט דערלאָזן צו שליסן זי — וואָלטן מיר געזאָגט „דיינו״.

ווען עס האָבן אויסגעפעלט לערערס פאַר דער גימנאַזיע האָט אבטיחי, זייענדיק דאַן אַ סטודענט (אַגראָנאָמיע), זיך געווידמעט דער שולע און געלערנט די קינדער נאַטור־וויסנשאַפט אין עברית.

אין 1921 האָט אבטיחי זיך צוריקגעקערט פון ארץ ישראל קיין ראָוונע אָרגאַניזירן די חלוצישע עליה קיין ארץ ישראל. מיט זיינע ענטוזיאַסטישע רעדעס אין די ראָוונער בתי מדרשים, האָט ער מיטגעצויגן מיט זיך קיין ארץ ישראל אַ גרויסע צאָל יידן, וועלכע זענען געווען צווישן די גרונט־לייגער פאַרן היינטיקן ישראל. פאַר אונדזער אומאָפּהענגיקייט.

פאַר די אַלע מעשים און אַנדערע וואָלטן מיר געקאָנט זאָגן „דיינו״. נאָר אבטיחי אַליין האָט נישט געוווּסט וואָס הייסט דיינו. וואָס הייסט גענוג געטון.

אבטיחין האָבן מיר, ראָוונער יידן, צו פאַרדאַנקען די הערלעכע מצבה וואָס איז געשטעלט געוואָרן צום זכר פון דער פאַרניכטעטער קהילה, דאָס יזכור־בוך. אַ היסטאָריש בוך. זאַמלענדיק מאַטעריאַלן פאַרן בוך האָט ער זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ער קאָן נישט געפינען קיין עסקן פון דער „בונד״ באַוועגונג וואָס זאָל באַשרייבן די טעטיקייט פון „בונד״ אין ראָוונע. און טראָץ זיין קעגנערשאַפט צו יענער באַוועגונג האָט ער אַליין אָנגעשריבן אַ קאַפּיטל וועגן „בונד״ אין ראָוונע. „למען האמת והפינקטלעכקייט״.

כ׳האָב אין מיין לעבן געקאָנט אַ סך עסקנים פון ראָוונע, פון וואָלין, אָבער איך געדענק נישט נאָך איינעם וואָס זאָל אַזוי ליב האָבן ראָוונער יידן און דורך זיי אַלע וואָלינער יידן ווי דער פאַרשטאָרבענער. אייגנטלעך איז ער געווען אַ סטאָלינער און אין ראָוונע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נאָר אויף אַ פּאָר יאָר אויפן וועג קיין ארץ ישראל.

אַ הייליקע צוואה און אַ הייליקע אויפגאַבע האָט ער אונדז איבערגעלאָזן: אויסענדיקן דעם היכל וואָלין און אים אויספילן מיט אינהאַלט. דאָס מוז געטאָן ווערן.

## שמואל ראָזענהעק:

...כ׳קום נאָר וואָס פון חיפה. כ׳בין נישט געקומען רעדן וועגן מיין לאַנגיאָריקן פריינט אבטיחי, נאָך פון תרבות־גימנאזיע אין ראָוונע. כ׳ביז נישט געקומען קלאָגן דאָ פאר אייך. כ׳בין געקומען וויינען צוזאמען מיט אייך.

אבטיחי איז שטענדיק געווען אַקטיוו, פול מיט גייסט און שוווּנג און זייער אינטענסיוו. אזוי ווי היינט אזוי אויך אַ מאָל, מיט אַ 50 יאָר צוריק.

אריה אבטיחי, דאַמאָלס גאַרבוז — איז נישט געווען קיין לערער פון פאַך, האָט געזאָלט זיין אַגראָנאָם, אָבער ער איז געווען פון די הויפּט־גרינדער פון דער גימנאַזיע אין ראָוונע און פון דער העברעיישער שול־נעץ אין גאַנץ וואָלין. ס׳איז צו שטוינען ווי אַזוי מיט ליידיקע הענט, מיט קוויטעלעך און בריוועלעך מיט לויפענישן און עצות־געבן האָט ער אויפגעשטעלט אַ יש־מאין. אויפגעטאָן גרויסע זאַכן — פון גאָרנישט...

אריה אַבטיחי, זכרונו לברכה, איז ווירקלעך גרויס געווען. א גרויסער אויפטוער. אַ איש־מעשה. איז לאָמיר באַערן זיין אָנדענק ווי ס׳פּאַסט פאַר זיין אָנדענק — מיט מעשים.

## לעאָ טשעקוווער:

צווישן אונדזערע וואָלינער לאַנדסלייט איז נישטאָ נאָך איינער, וואָס זאָל זיך אַזוי אינגאַנצן איבערגעבן, מיט לייב און לעבן, מיט אָטעם און פלאַם, צום אויפשטעלן דעם פאַראייביקונגס מאָנומענט פאַרן פאַרניכטעטן, וואָלינער יידנטום, ווי אריה אבטיחי ז״ל. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געחלומט און געטרוימט און ג ע ז אָ ר ג ט אַז דער אָנדענק פון די וואָלינער קדושים זאָל לעבן אויף דור דורות, און האָבן אַ המשך, כדי צו פאַרלענגערן די גאָלדענע, יידישע, וואָלינער קייט.

מיט גרויס ענטוזיאַזם האָט ער אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די אידייע און צוגעצויגן צו זיך וואָלינער אין ישראל און דערנאָך אין אַמעריקע און אין אַנדערע פאַרשידענע לענדער, ווו נאָר ס׳געפינען זיך וואָלינער יידן און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע באַוווסטזיניקע, איבערגעגעבענע טוער, זיך גענומען צוזאַמען צו פאַרווירקלעכן דעם חלום און פאַרוואַנדלען אים אין רעאַליטעט.

נישט לייכט און נישט שטענדיק דאַנקבאַר איז געזעלשאַפטלעכע אַרבעט... נישט איינמאָל אין דער שכר שטיינער (נישט קיין טייערע!)

ווי ס׳דערציילט אין אַ קליינער דערציילונג י. ל. פרץ. אָבער ווי גרויס איז געווען אבטיחיס פרייד און סאַטיספאַקציע נאָכפאָלגן דער ווירקלעכקייט און באַאָבאַכטן ווי דער היכל וואָלין ווערט געבויט, ווי די ווענט וואַקסן העכער און ווי דער דאַך ווערט אָפּגעגאָסן און פאַרענדיקט.

ליידער האָט ער נישט דערלעבט צו זען דעם היכל אַ פאַרענדיקטן; ליידער האָט ער נישט זוכה געווען מיטלעבן די פרייד זען דעם היכל פונקציאָנירן און שפירן זיין לעבעדיקן אָטעם.

אריה אבטיחי האָט געהערט אין ישראל צו די „וותיקים״. עולה געווען אין 1920. פריינט, חברים און מיטאַרבעטער אין אַ סך געביטן פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן דערציילן וועגן זיין פרוכטבאַרער טעטיקייט וונדערבאַרע זאכן.

איך האָב געהאַט דאָס גליק און די זכיה אים קענען לערנען, מיטאַרבעטן מיט אים און זיין מיט אים נאָענט אין די לעצטע יאָרן דורך דער פאַרבינדונג מיטן וואָלינער „איגוד״.

ער האָט געשפּראָצט מיט שטאַרקן ווילן. מיט אַנטשלאָסענעם געראַנגל פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער אידייע, אַ ווילן וואָס איז געווען אַנשטעקנד פאַר אַלע זיינע חברים און אַרומיקע. ס׳געווען א זכיה צו קענען אים, אַרבעטן מיט אים, לערנען פון אים איבערגעגעבנקייט און אַנטשלאָסנקייט פאַר מענטשלעכע, הומאַניסטישע צוועקן.

ער האָט אונדז פאַרלאָזט אין מיטן וועג. עס איז נאָר אַ סך געבליבן צו טאָן; עס זיינען נאָך אַ סך שוועריקייטן פאַרבליבן בייצוקומען. ער פעלט אונדז אויף שריט און טריט. מיר, זיינע קאָלעגן און חברים וועלן שליסן אונדזערע רייען, יועלן פאַרשטאַרקן אונדזער אַרבעט — כדי וואָס שנעלער רעאַליזירן אונדזער — זיין חלום.

זיין צוגאַנג איז שטענדיק געווען — ווינציקער ווערטער און מער מעשים (דבר מעט ועשה הרבה). לאָמיר זיך טאַקע קאָנצענטרירן מער אין מעשים און זיך נעמען פאַרענדיקן דעם צווייטן טייל פון היכל. ס׳טוט פשוט וויי, וואָס ער האָט נישט דערלעבט זען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי דער חלום ווערט וואָר, אָבער גייסטיק לעבט ער מיט אונדז, אין אַלעמענס הערצער און זכרון און זיין געשטאַלט וועט שטענדיק שוועבן אין רוים פון היכל. דאָס פּרעזידיום און פאַרוואַלטונג פון איגוד האָבן איינשטימיק באַשלאָסן, אַז ער האָט כשרפאַרדינס, אַז איינע פון די זאַלן אין היכל זאָל טראָגן זיין נאָמען — זאַמלען צו דעם צוועק אַ פאָנד פון אַ 50.000 ל״י. כ׳בין זיכער אַז אויך חברים אין אַמעריקע וועלן צושטיין. באַדייטנדע סומען זענען שוין באַשטייערט געוואָרן. עס איז צו האָפן אַז סיי יחידים, סיי שטאָטישע פאַרבאַנדן וועלן בייטראָגן צו דעם פאָנד.

צום סוף, ס׳דערמאָנט זיך מיר דער לעצטער געשפּרעך מיטן פאַרשטאָרבענעם. ווען כ׳האָב באַקומען אַ קאָפּיע פון זיין אַרטיקל וועגן מיר אין לעצטן נומער ילקוט, האָב איך אים געזאָגט „ס׳וואָלט געפּאַסט צו זיין אַ נעקראָלאָג״. „ניין, האָט ער אויסגעשריגן, „עד מאה ועשרים!״

קיינער פון אונדז האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אונדז וועט אויספאַלן דער טרויעריקער שיקזאַל רעדן וועגן אים...

זאָל אויף אייביק געבענטשט זיין דער אָנדענק פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן פריינט אריה אבטיחי.

# אנ׳אוונט מיט וואלינער געסט פון אויסלאנד

א באגעגעניש פון אויסלענדישע וואָלינער געסט, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 30־סטן אפריל ד. י. און איז אָפּגעלייגט געוואָרן צוליבן טרויער נאָך אבטיחין ז״ל, איז פאָרגעקומען דעם 12־טן מאי אין „בני־ברית״ ־ זאל אין תל־אביב ביי געדעקטע טישן מיט דער באטייליקונג פון פארוואלטונגס־מיטגלידער פון וואָלינער וועלט־פארבאנד אין ישראל און אנדערע חברים מיט זייערע פרויען און וואָלינער געסט פון אמעריקע, קאנאדע, ארגענטינע.

וויצע־פאָרזיצער פון פארבאנד ה׳ משה בורקאָ האָט דערעפנט דעם אָוונט, דערמאָנענדיק דעם גרויסן פארלוסט, וואָס דער וואָלינער פארבאנד האָט געליטן מיטן פלוצלונגן טויט פון אריה אבטיחי ז״ל. ביי א חברישן שמועס וועגן די אויפגאבן און באדערפענישן פון וואָלינער פארבאנד — זיין גרויס אונטערנעמונג בויען דעם היכל וואָלין האָבן זיך באטייליקט די חברים: מ. בורקאָ, י. טאבאטשניק, ל. טשעקווער, ז. חזנוואלד, ח. פינקעל, און די געסט י. האָניק, מ. שינטאָפּ, א. האלפרן, פרוי אונגער און מ. גרינעם.

ה׳ גרינעם האָט צווישן אַנדערן געפאָדערט צו משתף זיין וואָלינער יידן אויך אויף שמחות אין היכל וואָלין און נישט נאָר אין טרויער־אָנגעלעגנהייטן. אייניקע געסט האָבן געהאט א פארלאנג, אז די פירערשאָפט פון אַלוועלטלעכן וואָלינער פאַרבאַנד אין ישראל זאָל שטיין אין אן ענגן קאָנטאקט מיט די וואָלינער יידן אין דער גאנצער וועלט און האָבן די קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון די וואָלינער פארבאנדן אין אויסלאנד. אייניקע געסט האָבן געבעטן שליחים קיין אויסלאנד. די פרוי אונגער האָט דערציילט וועגן פיל וואָלינער יידן אין ארגענטינע, וועלכע זי האָט באגעגנט ביי איר באזוך דאָרט און וועלכע לעכצן נאָך אַן ענגערער פארבינדונג מיטן וואָלינער פארבאנד אין ישראל.

אין די ענטפערס פון די ישראל־חברים איז געקומען צום אויסדרוק דער געדאנק, אז יעדער איינער פון די געסט דארף פארבינדן צווישן די וואָלינער אויפן אָרט מיט דעם וואָלינער פארבאנד אין ישראל. אזוי ארום וועלן מיר פארשפאָרן שיקן שליחים און איבעריקע הוצאות, וואָס זענען נויטיק צום בויען דעם היכל (ח. חזנוואלד) וועגן די געלט־מאנגל אין צוזאמענהאנג פון בויען דעם היכל און וועגן פארא־ייביקונגס־אלבאָם האָט גערעדט ה׳ משה בורקאָ; וועגן דער פאַרבינדונגסראָל פון „ילקוט וואָלין״ האָט גערעדט ה׳ ל. טשעקווער. ה׳ ח. פינקעל האָט דערציילט וועגן דער פאראייביקונגס־אקציע צווישן שילער (פאָלקס־שולן) אין ישראל, וועלכע האָבן אדאָפּטירט וואָלינער קהילות. ה׳ י. טאבאטשניק האָט גערופן זיך אָנשטרענגען ענדיקן דאָס בויען פון היכל.

ביי אַ דערהויבענער שטימונג איז מען זיך צוגיין ממשיך זייענדיק דעם וויכוח אין די פאָרזאלן פון הויז, אויף די טרעפּ און אויף דער גאס...

חיותה

# קהילות

## אויפשטאנד פון טוטשינער געטא

מענדל מאַן

נישט אַלעמען איז די זאַך באַוווסט, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, און אפשר אַן איבערראַשנדי־קער, אַז די יידן פון קליין וואָלינער שטע־טעלע טוטשין, געבן אַ זייטיקן וועג, 27 ק״מ מזרח־זייט פון ראָוונע, וואָס זענען געווען פאַר־שלאָסן אין געטאָ, האָבן דערקלערט אַן אויפ־שטאַנד קעגן זייערע פייניקער די נאַציס און זייערע בייהעלפערס, די אוקריינער. אויב רע־כענען לויט דער גרויס פון דער באַפעלקערונג און לויט די כוחות פון דייטשישן מיליטער און ס. ס. און די אוקריינער זשאַנדאַרמעריע, וואָס זענען געווען געצווונגען קעמפן עטלעכע טעג מיט די אויפשטענדלערישע יידן אין טוטשי־נער געטאָ און אויסער דער געטאָ, איז׳ס גע־ווען א גרויסער אויפשטאַנד, איינער פון די גרעסטע אין דער געשיכטע פון די געטאָס. מ׳קען, אַן גוזמה, פאַרצייכענען דאָס קאַפּיטל, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די וואָלינער שטעטלעך, אין איין ריי מיט די דרייסטע אויפשטאַנדן אין וואַרשע, ווילנע און ביאַליסטאָק.

די געשיכטע פון די וואָלינער שטעטלעך אונטער דער הערשאַפט פון די נאַציס איז על־פי־רוב נישט באַוווסט. נאָר געציילטע זענען געבליבן לעבן פון די הונדערטער שטעטלעך אין וואָלין, און ס׳כמעט נישטאָ ווער ס׳זאָל דערציילן וועגן די שרעק וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט און זאָל שילדערן דעם חורבן און איינצלהייטן פון דער פאַרניכטונג. די וואָ־לינער יידן האָבן אַפילו נישט געהאַט דעם זכות געשיקט צו ווערן אין די לאַגערן, זיי זענען געפירט געוואָרן ווי שאָף צו דער שחי־טה צו גרויסע גריבער ווו זיי זענען דערמאָר־דעט און באַגראָבן געוואָרן פאַרוואונדע־טע און לעבעדיקע צוזאַמען. נאָך אַ קליינע טייל איז פאַרטריבן געוואָרן קיין קיעוו און פון דאָרט איז קיינער נישט צוריקגעקומען. אַ טייל איז אַנטלאָפן אין די וועלדער און די מערהייט פון זיי זענען אומגעקומען. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מ׳געפינט נישט, צווישן די רשימות פון די רוצחים וואָס מ׳האָט געפונען, אויסער אין אויסנאַם־פאַלן, די נע־מען פון דייטשן און זייערע בייהעלפערס, וואָס האָבן אויסגעהרגעט די יידן פון וואָלינער שטעטלעך. זיי גייען אַרום פריי, לעבן באַקוועם, און ס׳נישטאָ ווער ס׳זאָל זיי דערקענען, זאָל עדות זאָגן קעגן זיי און זיי רופן צו „משפט און גערעכטיקייט״.

ס׳שוין אַריבער אַ תקופה זינט יענע בלוטי־קע טעג און יאושדיקער אויפשטאַנד פון טו־טשינער געטאָ, אָבער די פרשה איז איינ־געקריצט אין די הערצער פון וואָלינער יידן און זיי ווילן איר קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַ פרשה פון איבערערדישער גבורה פון אַ הייפל דערשלאָגענע יידן קעגן אַ ריזיקן פיינט, וואָס איז ראוי צו פאַרנעמען איר אָרט אין אונדזער פאָלקס־געשיכטע און פאַרצייכנט ווערן אויף דור־דורות.

✡

ווען טוטשין איז איבערגעגאַנגען פון פוי־לישע און רוסישע הענט אין 1939 האָבן דאָרטן געלעבט אַ 2500 יידן און בעתן אַנקומען פון די דייטשן אין 1941 האָט זייער צאָל דערגרייכט ביז 3000 נפשות. אויסער פון קליינהאַנדל האָבן אַ סך יידן געלעבט פון שוסטעריי און שניידע־ריי. די שוסטערס און שניידערס האָבן גע־וואַנדערט איבער ירידים מיט זייער סחורה לויט אַ געוויסן סדר: אין די מאָנטיקן — דער יריד אין טוטשין אַליין; אין די דינסטיק־טעג — אין קאָסטאָפּאָל; מיטוואָך — אין האָשטש; דאָנערשטיק — אין אַלעקסאַנדריע און אויף שבתים פלעג מען זיך צוריקקערן מידע אַ

היים. אויך האָט אַ געוויסע צאָל ייִדן אין אוקריינער, געאַרבעט אין די גאַרבאַרניעס און אין פאַבריק פון פשוט געוואַנט אין שטעטל. די באַציאונגען צווישן ייִדן און אוקריינער אין יענע טעג זענען געווען גאַנץ גוט. ווען די סאָוויעטן זענען אַריינגעקומען און דאָס לעבן האָט אָנגענומען אַנ'אַנדער צורה — זענען די פאַבריקן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַרטעלן" און ס'האָט זיך געשאַפן פלאַץ פאַר נאָך אַרבעטס־הענט. די בעלי־מלאכה'ס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין קאָאָפעראַטיוון און אויפגעהערט וואַנדערן פון יריד צו יריד און קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן. די יוגנט האָט דערוואַקסט און ס'האָט זיך געשטאַרקט די נייגונג צו לערנען און וויסן, אויסער די פאָלקסשולע האָט זיך געעפנט אויך אַ מיטלשולע און אָוונטקורסן פאַר דערוואַקסענע.

אַזוי האָט געשטראָמט דאָס לעבן ביזן 30־טן יוני 1941, ווען ס'האָבן אַריינמאַרשירט די דייטשישע סאָלדאַטן אין טוטשין און שווערע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם ייִדישן הימל. טוטשינער ייִדן זענען נישט אויסגעראָטן געוואָרן גלייך דורך די דייטשן, אויך נישט אין ערשטן יאָר. די נאַציס האָבן אויסגעקליבן אויסנוצן צוערשט די טוטשינער ייִדן און די פאַבריק פאַר זייער נוצן. די שחיטות זענען אויסגעפירט געוואָרן טיילווייז אין פאַרשידענע „אַקציעס" לויטן אויסגערעכנטן דייטשישן סיסטעם.

און אַזוי דערציילן מאיר פרידמאַן און אַנדערע וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין וועלדער און לעבן געבליבן און דער אוקריינער לערער יאַגור קריזאַנסקי, וואָס האָט געאַרבעט אַלס איבערזעצער ביי די דייטשן:

אין טאָג ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל האָבן זיי אַרויסגענומען פון דער שול אויף די „זאַמדן" אַלע ספרי־תורה, זיי אויפגעשפרייט אויף דער גאַס און געצוווּנגען עטלעכע אַלטע ייִדענעס טאַנצן אויף די פאַרמעטס. דערנאָך האָבן זיי זיי געצוווּנגען צערייסן די יריעות און זיי פאַרברענען פאַר אַלעמענס אויגן אין מיטן גאַס, דער צער, ווייטיק און באַליידיקונג זענען געווען אומדערטרעגלעך.

מ'האָט געלעבט אין שרעק נישט וויסנדיק וואָס וועט זיין מאָרגן.

זינט דעמאָלס זענען ייִדן יעדן טאָג געפירט געוואָרן אונטער אַ וואַך, מיט בעזימער, קערן די גאַסן, צו דעם צוועק האָט מען אויסגעקליבן דווקא די „פני" און די אינטעליגענץ פון שטעטל. בכלל האָט מען אונטערדריקט און באַליידיקט די ייִדן אויף יעדן טריט און שריט.

איידער די דייטשן האָבן איבערגענומען אין זייער האַנט די אָנפירערשאַפט אין טוטשין האָבן די אָרטיקע אוקריינער, אין אָנהייב יולי 1941 איינגעאָרדנט אויף די ייִדן אַ פאָגראָם, לויט אַלע פיטשעווקעס פון די פעטלורישע פאָגראָמען און לויטן קאָזאַקישן שטייגער. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אייזערנע לאָמען, מיט העק, מיט קאָסעס און מיט אַנדערע כלים. זיי האָבן געשלאָגן און גערויבט און דער רעזולטאַט: 70 געהרגעטע, פיל פאַרוואונדעטע, צווישן זיי פרויען און קינדער. די דייטשן האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל פון מענטשן וואָס זוכן גערעכטיקייט און דער געסטאַפאָ־עלטסטער אין ראָוונע האָט זיך כלומרשט געבייזערט אויף די אוקריינער. ער האָט געזאָגט צו דער ייִדישער דעלעגאַציע פון טוטשין, וואָס איז געקומען קיין ראָוונע בעטן שוץ קעגן די פאָגראָמשטשיקעס: „הרגענען ייִדן דאָס איז בלויז אונדזער רעכט. מיר וועלן דעם ענין שוין איינאָרדענען".

בלויז די אוקריינישע זשאַנדאַרמעריע האָט דעמאָלס געהערשט אין שטעטל. כדי צו באַרעכטיקן זייערע מעשים האָבן די אוקריינער צוגעגרייט אַ פראָוואָקאַציע קעגן די ייִדן: זיי האָבן גערופן אין דער פאָליציי 20 מענטשן פון דער אינטעליגענץ (האַרצטן, אַדוואָקאַטן, לערער און אַנדערע) און אונטער דראָאונגען זיי געצוווּנגען חתמענען אַז זיי זענען קאָמוניסטן און אַקטיווע באָלשעוויקעס. דערנאָך האָט מען זיי פרייגעלאָזן. דעם אונטערגעשריבענעם פאַפיר האָט די פאָליציי איבערגעשיקט צו דער געסטאַפאָ אין ראָוונע, מיט דער דערקלערונג אַז ייִדן זענען אין אַלגעמיין קאָמוניסטן און זייערע עלטסטע זענען אַליין מודה אין דעם. ס'דעריבער קיין ווונדער

נישט וואָס די מאַסן, וואָס ליידן אַזוי פון די יידן האָבן אויסגעלאָזט זייער כעס אויף עטלעכע טוטשינער יידישע קאָמוניסטן.

אויף־צו־מאָרגנס האָט זיך באַוויזן אין טורטשין אַ שוואַרצע אויטאָ. צווישן די יידן איז געוואָרן אַ בהלה און די גאַסן האָבן זיך אויסגעליידיקט. דאָס איז געווען אַ שטראָף־קאָמיסיע פון ראָוונע. אַלע 20 אונטערגעחתמעטע אויפן „פּאַפּיר" זענען גענומען געוואָרן אין הויף פון דער גאַרבאַרניע און דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן (צווישן זיי: משה גאָמער, מאיר זילבערבערג, מלכה ראָזענבערג און איר ברודער, פריידל גלאַטשטיין, מוליא גאָמער און אַנדערע) דאָס זענען געווען די ערשטע קרבנות פון די דייטשן אין שטעטל.

נאָך אין ערשטן מאָנאַט פון דייטשישער הערשאַפט, אין יולי 1941, איז אויפגעשטאַנען אַ „יודנראַט" לויט דער אויפפאָדערונג פון די דייטשן מיט געצל שוואַרצמאַן אין דער שפּיץ. זיי האָבן באַדאַרפט אויספירן די באַפעלן פון די הערשערס, טאָג איין — טאָג אויס: איינמאָל — צושטעלן אכציק פאָר שטיוול פון בעסטן כראָם; אַ צווייט מאָל — הונדערט נייע אָנצוגן; אַ דריט מאָל — גאָלדענע זייגערס, גאָלד, זילבער, קופער, מאַנטלען און אַזוי, אָן אַ סוף. דאָס אַלץ האָט מען באַדאַרפט צושטעלן אין אַ באַשטימטער שעה, אויסער דעם האָבן זיך סתם געיאַוועט אוקריינער פאָלציאַנטן און אונטערוועלט־מענטשן פון די אַרומיקע דערפער און געפאָדערט פאַרשידענע זאַכן. דער שרעק איז געווען גרויס און די יידן האָבן געגעבן וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט.

אין די לעצטע מאָנאַטן פון 1941 זענען דערשינען דייטשישע באַפעלן קעגן די יידן: ס׳פאַרבאָטן צו האַנדלען מיט די פויערן, פאַרבאָטן קומען מיט זיי אין קאָנטאַקט א. א. וו. ס׳איז געוואָרן אַ הונגער. בלויז געציילטע פויערן האָבן זיך איינגעשטעלט און געליפערט שפּייז די יידן פאַר זייער הויכע פרייזן. די גרויסע מערהייט האָט געהונגערט, מ׳האָט זיך וואָס אמת געטיילט מיטן ביסן. דערצו זענען אָנגעקומען קיין טוטשין אַ סך פליטים פון די נאָענטע שטעטלעך: קאָסטאָפּאָל, לודווי־

פאָל, בערעזנע, האָשטש, אַלעקסאַנדריע און אפילו פון ראָוונע.

דערווייל האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות פון אַנדערע ערטער וועגן אויסמאָרדן גאַנצע ישובים, וועגן „אַקציעס" אין וועלכע ס׳זענען אויסגעהרגעט גאַנצע קהילות אָן טענות מענות. יונג און אַלט. קינד־און־קייט. ס׳געווען אַ פאָרגעפיל אַז ס׳דערנענטערט זיך די ריי פון טוטשין. ס׳ממש געווען אומגלויבלעך. בפרט האָט ווי געטאָן די באַציאונג פון די אוקריינער, זייערע פריינט פון נעכטן, וואָס רויבן און מאָרדן זיי אין מיטן העלן טאָג.

אין יענער צייט האָבן זיך טוטשינער יידן פאַרבונדן מיט אַ פּליט פון לאָדזש, אינזשיניער גראָס און פאַרגרעסערט די פאַבריקן פון שטאָף און לעדער. די דייטשן האָבן געהאַט גרויס אינטערעס אין די פאַבריקן, זיי איבערגענרמען אין זייערע הענט און באַשעפטיקט אין זיי אַ סך יידן פון שטעטל, מענער, פרויען און אויך עלטערע. זיי האָבן אַרויסגעגעבן „שיינען", וואָס מ׳האָט גערופן „לעבנס־שיינען", ווייל פאַקטיש זענען נישט געבליבן קיין יידן אין גאַנץ ראָוונער קרייז און אַלע שטעטלעך אַרום טוטשין זענען שוין געווען „יודען־ריין". נאָר די אַרבעטער מיט די „שיינען" האָבן נאָך געהאַט דעם זכות צו לעבן. פון צייט צו צייט זענען טאָקע פאָרגעקומען „אַקציעס", אין וועלכע מ׳האָט געהרגעט יידן, אָבער ביי אַלגעמיינער פאַרניכטונג האָט׳ס נאָך נישט געהאַלטן. מיט די רציחות האָט זיך פאַרנומען די אוקריינער פאָליציי. זיי העלפן אַרויספירן הונדערטער יידן אין דער צעגעלניע, אויסער דער שטאָט, זיי דערשיסן און אַריינוואַרפן זייערע קערפערס אין די גריבער דאָרט. די טוטשינער יידן איז געווען קלאָר אַז אויך זייער סוף דערנענטערט זיך. וועגן דעם זאָגט עדות אַ בריוו וואָס אַן׳עלטערע יידישע פרוי האָט איבערגעגעבן אירע אַ שכנה, אַן׳אוקריינערן, כדי איר איבערשיקן צו איר זון אין אַמעריקע. די אוקריינערן האָט מיר געגעבן די בריוו. איך לייען: „מיר זענען שוין די לעצטע אויפן יריד". און ווירקלעך: טוטשינער יידן זענען פאַרניכטעט געוואָרן די לעצטע אין וואָלין.

✡

סוף זומער 1942 איז פּלוצים אָנגעקומען אַ
באַפעל קאָנצענטרירן אַלע יידן וואָס זענען
געבליבן לעבן אין טוטשין אַרום דער שול
און דער קלויז, און באַלד האָט מען געהייסן די
יידן אַרומצוימען דאָס אָרט מיט אַ הויכן פּלויט,
מיט אַ טויער, פון מאַטעריאַלן וואָס זענען
גענומען געוואָרן פון הייזער אין שטעטל, וואָס
האָבן זיך שנעל אויסגעליידיקט. 3000 יידן
זענען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין דער געטאָ.
די ענגשאַפט איז געווען ניט צו באַשרייבן. אַלע
אָן אויסנאַם זענען אַהין אַריינגעשפּאַרט גע־
וואָרן, אויך די זאַמד־איינוווינער און די פאַ־
בריקן־אַרבעטער, דער טויער איז פאַרשלאָסן
געוואָרן און ווי פון אונטער דער ערד זע־
נען אויסגעוואַקסן באַוואָפנטע אוקראַינער און
דייטשן וואָס האָבן אָפּגעשפּאַרט אַלע וועגן
און אָפּגעהיט די באַוועגונג פון די פאַרשפּאַר־
טע יידן. דאָס קליינע טירל אין טויער האָט זיך
פון צייט צו צייט געעפנט און די לעצטי
געפונענע יידן וואָס האָבן זיך באַהאַלטן, זע־
נען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אינעווייניק.

ס׳געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז דער סוף. די
פאַרשפּאַרטע האָבן אָנגעהויבן זוכן אַן עצה וואָס
צו טון. און אָט, צוויי טעג נאָך יום־כפור תש״ג
(23.9.1942), איז צוגעקומען צום טויער פון
געטאָ אַ דייטשישער קאָמיסאַר, אַ געסטאַפּאָ־
ניק פון ראָוונע און באַפוילן, אַז אַלע יידן
זאָלן זיך צענויפזאַמלען נעבן טויער. דרך־אגב
האָט ער מודיע געווען אַז די יינגערע וועט
דערלויבט ווערן צו אַרבעטן אויסער דער
געטאָ. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס באַ־
האַלט זיך אויס פון אונטער דער מעלדונג,
אָבער דאָס האַרץ האָט געציטערט פון שרעק.
טוביה טשובעק, 33 יאָר אַלט, אַ זון פון אַנ־
אַרטיקן שמיד, אַ געוועזענער חבר אין „החלוץ״
און ש. טאַפּליק, 32 יאָר, האָבן זיך דערוועקט
און אָנגעהויבן אַגיטירן קעגן די דייטשן: „לאָ־
מיר זיי נישט הערן, מ׳טאָר זיי נישט גלויבן!״
אויף זייער רוף זענען זיך צענויפגעקומען אַ
סך יידן אין בית־מדרש און דאָ איז אַרויפ־
געשפּרונגען אַן אַנדער ייד אויפן בעלעמער
און אויסגערופן: ברידער יידן, די צרה איז
פאַר אונדזערע אויגן. מ׳דאַרף נישט אויס־
שטרעקן דעם האַלדז צו דער שחיטה, לאָמיר
אַלע אַרויסגיין אַנטקעגן די פיינט פון אונ־
דזער פאָלק! קהל איז אַריינגעפאַלן אין התל־
הבות. דערנאָך האָט געאײַלט אַ צווייטער, זיך
אַרויפגעשטעלט אויף אַ באַנק איבערן עולם
און אויסגערופן: איר זאָלט אַלע וויסן זיין, אַז
די גריבער זענען שוין צוגעגרייט נעבן קאָ־
סאָוויסקער וואַלד. ווייסט וואָס איר האָט צו
טון!

רוגז און כעס אויסגעמישט מיט שרעק, תוך
כדי דאָס אויפוואַכן פון די יונגע און „עמך״
פון די ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן
האָט אַרומגענומען די פאַרזאַמלטע. דאַכט זיך,
אַז אַלע זענען געווען אין איין דעה מלחמה
האַלטן מיט די עמלקים. „תמות נפשי עם פליש־
תים״. עמיצער האָט געוואָרפן אַ לאָזונג: אונ־
טערצינדן, פאַרברענען! זאָל אַלץ אָפּגעברענט
ווערן!

און פון ערגעץ־ווו קייקלען זיך שוין פעסער
נעפט און טיישניקעס און העמער און טעפּ פול
מיט נעפט ווערן געטראָגן דורך פרויען און קינ־
דער. אַלע נעמען פלייסיק אָנטייל אין צוגרייטן
דעם אויפשטאַנד און נקמה נעמען. די בה־
לה הערט נישט אויף. עטלעכע פרומע יידן,
וואָס נעמען נישט קיין חלק אין אויפשטאַנד
האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שול און זאָגן תהי־
לים אויף אַ הימל־שרייענדיקן קול און מיט
אַ ביטער געוויין. פאַרמעגלעכע, וואָס ס׳זענען
נאָך געבליבן ביי זיי קליידער און ווערטפולע
זאַכן, וואַרפן זייער גוטס, אַפילו גאָלד און
זילבער אין די איינגעהייצטע אויוונס. ס׳זענען
געווען פרויען, וואָס האָבן געפּרוּווט שפּרונ־
גען איבערן פּלויט פון געטאָ כדי אַנטלויפן,
אָבער נישט אַלעמען האָט צוגעשפּילט דער
מזל. פון צייט צו צייט הערן זיך געשיסערייען,
וואָס פאַרגרעסערן די בהלה און טומל, דער
אויפשטאַנד שטאַרקט זיך און די לעצטע הכ־
נות ווערן געמאַכט אין געטאָ ווען די רוצחים
זעען נישט וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק.

ס׳געוואָרן נאַכט. ווען ס׳האָט זיך באַוויזן
דער ערשטער שטערן, וואָס האָט געדינט אַלס
צייכן, האָט זיך צעברענט אַ פייער אין גע־
טאָ. איין פלאַם, אַ צווייטער, אַ דריטער, די
גאַנצע סביבה איז באַלד אַרומגענומען גע־
וואָרן אין פלאַמען פייער. די דייטשן און אוק־

ריינער זענען איבערראַשט און צעטומלט געוואָרן. זיי האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז די דערשלאָגענע נידערראַנגיקע „יודען" זאָלן זיך קעגנשטעלן זייערע הערשער. אַזאַ פרעכהייט האָבן זיי נישט פאַרויסגעזען אין זייער דעמאָנישן פּלאַן, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פון פריער. דערצו זענען זיי נישט געווינט געווען. זיי האָבן געשאָסן, געקלאַפּט און געשריגן און געשאָסן אין פייער אַריין, אין די ליידיקע ברענענדיקע הייזער פון געטאָ און סתם אין דער פינצטערניש אָן ציל, ווי זיי וואָלטן אויסגעדריקט דערמיט זייער כעס. מעגלעך אַז די עטלעכע באָמבעס, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן נעבן זיי, האָבן זיי איבערגעשראָקן ביז פאַרצווייפלונג. ווו־נישט־ווו זענען דערשינען יונגע יידן מיט העק און מיט האַמערס און געזעצט אין די אוקריינער און אויך אין די דייטשן, תוך סכנת נפשות פאַר זיך אַליין. מיטן פייער פון דער שריפה האָט זיך אויך צעברענט אַ פייער אין דער נשמה פון אויפשטענדלערישן, קעמפנדיקן יידן, אָן אַ צוגרייטונגס־פּלאַן, האָט זיך געהערט אין דער מהומה אַ רוף: „ברעכן פלויטן!" און פלויטן זענען געבראָכן געוואָרן טראָץ די שיסערייען פון פיינט און דורך די עפענונגען זענען אַ סך אַנטלאָפן אויסער דער געטאָ. ס'האָבן זיך געפונען שוואַכע מוטערס, וואָס פון גרויס יאוש האָבן זיי זיך געוואָרפן, מיט זייערע קינדער אין פייער אַריין, שרייענדיק: „אַ סוף צו די יסורים. שמע ישראל!"

דאָס פייער האָט זיך אַלץ פאַרשפּרייט. אַלץ אויף איר וועג האָט זיך צעפלאַקערט און די געגנט איז באַלויכטן געוואָרן העט ווייט. דער הימל איז רויט געוואָרן. וואָלקנס רויך און פונקען האָבן זיך פאַרשפּרייט אַרום. ווער עס שיסט, ווער ס'קעמפט, ווער ס'אַנטלויפט און ווער ס'וואַרפט זיך אַליין אין פייער אַריין. די צאָל קרבנות איז געווען זייער היפש און די עדות גיבן איבער אַז דאָס טייכל נעבן בית־מדרש איז געווען רויט פון בלוט אין משך פון עטלעכע טעג.

אַ צוויי טויזנט פון די אַנטלאָפענע פון געטאָ האָבן זיך דערלאַנגט אין וואַלד. אוקריינער און די איינוווינער פון די קליינע הייזלעך אויפן וועג אין וואַלד האָבן זיי אָפּגעוואַרט און זיי געשאָסן מיט די ווילקעס, צענדליקער יידן זענען דערהרגעט געוואָרן. און וואָס ס'האָט אָפּגעוואַרט די אומגליקלעכע אין וואַלד איז לייכט זיך פאָרצושטעלן: הונגער, שרעק, קעלט, שלאָפלאָזיקייט, בייטאָג און ביינאַכט.

און אָט האָבן דייטשן אַרויסגעלאָזט מעלדונגען, אַז יידן איז דערלויבט וווינען פריי אין טוטשין און קיינער וועט זיי נישט אָנרירן. און ווירקלעך, די וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן און צוריקגעבראַכט געוואָרן קיין טוטשין זענען באַפרייט געוואָרן און גענאָסן פון פרייהייט. די דייטשן זענען געווען כיטרע און זיי איבערגעגעבן די הייזער וואָס זענען געבליבן גאַנץ פון דער שריפה. די ידיעות זיינען דערגאַנגען אין וואַלד און בלאָנדזשענדיקע ליידנדיקע יידן וואָס ס'זיי נמאס געוואָרן דאָס לעבן זענען גענויגט געווען צו גלויבן אַז „דער וואָלף האָט געטוישט זיין פעל" און האָבן זיך צוריקגעקערט קיין טוטשין. ס'זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט שטאַרבן אין זייער שטעטל. און אַזוי האָבן זיך צוריקגעקערט יחידים און קליינע גרופּעס. די מער בראַווע וואָס האָבן ניט געוואָלט גלויבן די עמלקים זענען געבליבן אין וואַלד און ביינאַכט פלעגן זיי ארויסגיין אין דער סביבה, זוכן עסן ביי די פויערן. דער הונגער האָט געפייניקט און מענטשן האָבן אוועקגעגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר אַ ביסל עסן. ס'זענען אויך געווען פאַלן ווען פויערן האָבן צוגענומען די קליידער פון די הונגעריקע און אַנשטאָט עסן האָבן זיי זיי דערהרגעט. דאָס זענען געווען באַוווסטע פאַלן און די אוקריינער אינטעליגענץ און גלחים האָבן גאָרניט געטאָן קעגן דעם. אונדזערע ברידער זענען געפאַלן מיטן בעוווסטזיין אַז די גאַנצע וועלט איז אַ שונא ישראל און איין גיהנום...

אין משך פון 4 וואָכן זענען צוריקגעקומען קיין טוטשין אַ 400 נפשות. זיי האָבן נישט באַוויזן קומען אַביסל צו זיך, ווי זיי זענען אין איין נאַכט אַוועקגענומען געוואָרן נעבן בית־עולם און דאָרט דערהרגעט געוואָרן.. און אין וואַלד איז דאָס לעבן געווען שרעקלעך. זייער צאָל איז אַלץ וויניקער געוואָרן. ס'האָבן זיך גע־

פונען פויערן וואָס האָבן געהאַלטן ביי זיך אַ יידישן שוסטער אָדער אַ שניידער, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון אָרט צו אָרט, אָבער צוליב אַ קריג צווישן די פויערן צוליב זיי פלעגט מען זיי הרגענען — און שלום מאַכן איבער אַ גלעזל וואָדקאַ. פון די בעלי־מלאכות זענען בלויז צוויי געבליבן לעבן: מיכל זייטשיק דער שניידער און מאיר פרידמאַן דער שוסטער.

אין נאָוועמבער 1943 איז אריבערגעפירט געוואָרן די דייטשע ווענדונג צו די יידן אין די וועלדער זיך צוריקקערן קיין טוטשין. מ׳האָט זיי צוגעזאָגט זיי לאָזן לעבן פאַר יעדן פרייז. 150 האָבן זיך צוריקגעקערט — און גלייך דערשאָסן געוואָרן. דערמיט האָט זיך געענדיקט די פרשה פון טוטשין.

דעם 17־טן נאָוועמבער 1944 ווען ס׳אַריינגעקומען דאָס רויטע מיליטער אין טוטשין איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען חורבות באַדעקט מיט שניי. דער שרייבער פון די שורות איז גערופן געוואָרן דורך איינעם פון די לעבן־געבליבענע וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון וואַלד אין שול אַריין. די ווענט זענען געבליבן גאַנץ און אין אַריינגאַנג האָבן זיך געוואַלגערט יריעות פון ספרי תורה. לויט סימנים, וואָס ער האָט אָנגעגעבן האָט מען אויפגעבראָכן אַ וואַנט און אַרויסגענומען פון אַ באַהעלטעניש 16 ספרים אין סאַמעטענע מאַנטלען. מ׳האָט זיי איבערגעפירט קיין ראָוונע, ווו ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט עטלעכע צענדליק יידן פון פאַרשידענע ערטער.

דער אויפשטאַנד פון טוטשינער יידן איז ראוי איינגעקריצט צו ווערן אין אונדזערע הערצער און דינען אַלס סימבאָל אויף דורות.

## יוסף טאַבאַטשניק — דער לעצטער וועג פון זשיטאָמירער יידן

די צייט פון פאַרניכטן דאָס זשיטאָמירער יידנטום, האָט לאַנג נישט געדויערט. לויט די ידיעות וואָס האָבן צו אונדז דערגרייכט, האָט די פאַרניכטונג זיך געצויגן אינגאַנצן 4 — 2 מאָנאַטן, זינט דאָס נאַצישע מיליטער האָט אָנגעגריפן רוסלאַנד אין יולי 1941, ביז מ׳האָט אומגעבראַכט דעם לעצטן יידן אין זשיטאָמיר.

ביזן היינטיקן טאָג, האָבן מיר נישט געהערט, אַז וועלכער ס׳איז ייד זאָל זיין אין שטאָט בעת דער קאַטאַסטראָפע און בלייבן לעבן. די אַלע ידיעות, האָבן מיר געהערט פון זשיטאָמירער יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין טיף רוסלאַנד, און האָבן זיך אומגעקערט קיין זשיטאָמיר, נאָכן קריג. דאָס וואָס זיי ווייסן איז פון די שכנים קריסטן, וועלכע האָבן מיט זייערע אויגן געזען דעם שוידערלעכן רצח.

גלייך מיטן אויסברעכן פון קריג, האָט די „לופט־וואַפע" גענומען שטאַרק באָמבאַרדירן זשיטאָמיר. פיל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און צווישן זיי אַ סך יידן, זענען געהרגעט געוואָרן. אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן גענומען לויפן פון דער ברענענדיקער שטאָט, קיין טיף רוסלאַנד.

ווען די שטאָט איז איינגענומען געוואָרן דורך די נאַציס, האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסע שחיטה צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און האָבן נישט אויסגעמיידט אַפילו די שפּיטאָלן. אין איינעם פון די שפּיטאָלן האָט זיך אויך געפונען מיין 19־יעריקע שוועסטער. זי איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון בעט, צוזאַמען מיט אַנדערע קראַנקע יידן און דערמאָרדעט געוואָרן אין הויף פון שפּיטאָל.

די יידן זענען מאַסנווייז געפירט געוואָרן, אונטער דער וואַך, אין דער ריכטונג פון „באַגוניע" (פריער „וואָראַנגעליאַווקע"), ווו ס׳האָבן זיך געפונען די קאַזאַרמעס פון „גאַליצקער פאָלק", אין די צאַרישע צייטן. דאָרט האָט מען זיי געצוווּנגען גראָבן גרויסע גריבער, וואָס האָבן באַדאַרפט דינען, אַלס ברידער־קברים. די קריסטלעכע שכנים, וועלכע האָבן אויסגעקוקט דורך די שפאַרונעס, האָבן דערציילט די יידן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט נאָך דער מלחמה, אַז זיי האָבן צוגעזען שוידערלעכע בילדער, וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען זיך נישט אויסמאָלן. מענער, פרויען און קינדער, ווערן געפירט צו דער שחיטה. בלייכע פנימער גרויסע אויגן, וואָס קריכן ממש אַרויס

פון די לעכער, שרעקלעכע היסטערישע געשרייען פון פרויען און אַ ביטערער געוויין פון קינדער.

די, וואָס זיינען געבליבן לעבן נאָך דער ערשטער „אַקציע", זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אין אַ שמאָלער געטאָ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די גאַסן אַלט־ווולסקער קליין־ווולסקער און אַ טייל פון פּאָדאָלער גאַס.

נאָך דער צווייטער אַקציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יום־כיפור, זיינען די פאַרבליבענע קאָנצענטרירט געוואָרן אין דעם קליינעם געטאָ, אין דער גרויסער געביידע, וועלכע מ׳האָט גערופן דער „האַדוויק"„ אויף טשודנעווער גאַס, וואָס איז תמיד געווען באַזעצט דורך יידן.

די פאַרבליבענע יידן, זענען גענומען געוואָרן אויף שווערער צוואַנגס־אַרבעט. די ווילע, וואָס האָט אַמאָל געהערט דעם באַראָן דעשעדואר וועלכער איז געווען דער הויפּט אַקציאָנער פון דעם טראַמוויי און פון עלעקטרישער סטאַציע אין זשיטאָמיר, וואָס האָט זיך געפונען אויף בולוואַרנער גאַס, האָט די „געסטאַפּאָ" פאַרוואַנדלט אין איר שטאַב. די „געסטאַפּאָ" האָט באַשלאָסן צו בויען אַ הויכן פלויט פון שטיינער אַרום דעם בנין.

די יידן פון געטאָ זענען געצוואונגען געוואָרן אָוועקנעמען מצבות פון יידישן בית־עולם, וואָס האָט זיך געפונען ווייט פון דעם הויז און שלעפּן זיי אויף זייערע פּלייצעס כדי אויפבויען דעם פלויט. ס׳איז לייכט זיך פאָרצושטעלן זייערע יסורים און פּיין, ווען זיי האָבן באַדאָרפט שלעפּן אויף זייערע רוקנס די שווערע משא, אַ גרויסע שטרעקע, זייענדיק הונגעריק און שוואַך.

אין גיכן איז געקומען דער סוף אויך פון די פאַרבליבענע. אַנטקעגן דער געביידע „הוצוויק", וואָס איז געווען די לעצטע געטאָ אין זשיטאָמיר, איז געווען אַ טונעל אָן אַ דאַך, פון טראַמוויי, אין דער לענג פון עטלעכע צענדליק מעטער. די ליניע פון טראַמוויי, האָט זיך געצויגן ביז דעם טייך טעטערעוו, ענדע טשודנאָווער גאַס. אַהין, האָט מען אַריינגעטריבן די יידן פון געטאָ און געהייסן זיי לייגן זיך. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן און פרישע קרבנות זיינען געצוואונגען געוואָרן זיך לייגן אויף די דערשאָסענע. ווען דער טונעל איז געוואָרן פול מיט טויטע קערפּערס זענען זיי פאַרדעקט געוואָרן מיט ערד און מ׳האָט געמאַכט אַ וועג פון שטיינער אויף דעם פּלאַץ.

די איבעריקע יידן פון געטאָ, פאַר וועלכע ס׳איז שוין נישט געווען קיין פּלאַץ אין טונעל, זענען געפירט געוואָרן צום ברעג פון טעטערעוו, גענויט געוואָרן אויסצוגראָבן פאַר זיך ברידער־קברים, זענען דערשאָסן און באַגראָבן געוואָרן.

דאָס איז געווען דער לעצטער וועג פון זשיטאָמירער יידנטום, וואָס האָט געציילט ביז 50 טויזנט.

אויף דעם ברעג פון טייך, נעבן דעם שטאָטגאָרטן — „דער בולוואַר", אויף דעם צויבעראָמאַנטישן אָרט, דאָרט ווו די קרבנות האָבן פאַרבראַכט אין זייער יוגנט זייערע שענסטע שעהן, האָבן איצט געפונען זייער שרעקלעכסטן טויט, נאָך גרויס מאַטערניש און דערנידערונג, די לעצטע זשיטאָמירער יידן.

דאָרט זענען באַגראָבן זייערעביינער, אָן אַ מצבה און אָן וועלכן ס׳איז צייכן.

ס׳איז כדי צו באַמערקן, אַז נאָך אייניקע יאָרן נאָך זייער שודיערלעכן טויט, האָט מען נישט געגעבן קיין רו זייערע ביינער. נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג, נאָך דעם ווי די רוסישע אַרמיי האָט באַהערשט זשיטאָמיר, האָבן די אוקראַינער אַרויסגענומען ביינער פון די ברידער־קברים און האָבן זיי פאַרקויפט אין די צוקער־פאַבריקן, וואָס געפינען זיך אין דער סביבה פון זשיטאָמיר און אויסגענוצט געוואָרן פאַר דער צוקער פּראָדוקציע. אין די פאַבריקן האָט מען נישט געשפּירט אַז דאָס זיינען ביינער פון מענטשן. ווען די מאַכט האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט מען פאַרבאָטן דעם „פּראָדוקטיוון האַנדל" פון די געוועזענע שכנים פון די קרבנות.

ווען די נאַצישע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן פון רוסלאַנד ענדע מלחמה, איז זשיטאָמיר איבערגעגאַנגען צוויי מאָל, פון האַנט צו האַנט. די שטאָט האָט שטאַרק געליטן און פיל הייזער זיינען צעשמעטערט געוואָרן. דאַמאָלס איז זשיטאָמיר געווען „יודן־ריין".

ד״ר צבי קאַמינסקי

# בערדיטשעוו פון אַ מאָל

## בערדיטשעוו פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה

עס ווערט אומעטיק ווען דו זעסט, אַז פיל יידישע שטעט, וואָס זיינען געוואָרן אויסגעראָטן אין די היטלער־יאָרן, האָבן באַקומען זייער תיקון, אין אַ פאָרם פון אַ יזכור־בוך אָדער אַנדערש — נאָר אַזאַ גרויסער, יידישער צענטער, אַ עיר ואם בישראל, האָט דעם דאָזיקן תיקון נישט באַקומען.

כ׳דערמאָן זיך בערדיטשעוו מיט אַ 50 יאָר צוריק. פון איין הויז שטעקט אַרויס אַ בלעכענע הענטשקע, דאָס איז אַ רעקלאַמע פון פאַבריקאַנט מ. ראַבינאָוויטש, דער ברודער פון אונדזער גרויסן שלום־עליכם. דאָ האָט ער פאַרברענט יעדעס יאָר אייניקע חדשים. דאָ האָט שלום־עליכם געשריבן זיין בוך וועגן בערדיטשעוו, אין וועלכן ער האָט אַזוי הומאָריסטיש אויסגעלאַכט די שטאָט כתרילעווקע מיט אירע איינוווינער. אין דער צייט ווען שלום־עליכם האָט פאַרבראַכט אין בערדיטשעוו, האָט ער נישט דורכגעלאָזט קיין שום חדר־יינגל, ער זאָל אים נישט פאַרטשעפען און אים נישט אויספרעגן וואָס ער לערנט און וואָס ער קען שוין. ער האָט זיי דערביי מיט ליבשאַפט צוגעגעבן מוט צום לערנען. און אָט זיינען מיר ביים גרויסן פראַוואָסלאַוונעם סאָבאָר (קירכע). אַנטקעגן איבער זיינען אויפגעשטעלט פיל געשעפטן. ווי אַנ׳אָאַזיס אין מדבר שטייען צוויי קריסטלעכע קראָמען. ביידע אייגנטימער רעדן אַ גוטן יידיש. ווייטער־צו געפינען זיך בלויז געשעפטן פון מאַנופאַקטור. נעבן יעדן צווייטן, דריטן געשעפט טרעפט איר אַ יידן מיט אַ שיין אויסגעקעמטער באָרד, וואָס דרייט זיך הין און צוריק מיט אַ שטעקעלע אין האַנט. דאָס איז אַ קאָמיסיאָנער, וואָס קוקט אַרויס אויף זיינע קליענטן, וואָס קומען פון דער פראָווינץ אַ פאָר מאָל אין חודש.

די גאַס ענדיקט זיך מיטן קאַטוילישן קלויסטער פון קאַרמעליטן, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט אַ פעסטונג, וואָס קוקט אַראָפּ מאַיעסטעטיש אויפן טייך גנילאָפּיאַט, אַן אייניקל פון דניעפּר, וועלכן גאַגאַל האָט אַזוי שיין באַזונגען. די פעסטונג איז איינגעהילט אין סודות און קען דערציילן די געשיכטע פון בערדיטשעוו. אויף אירע ווענט האָבן כמיעלניצקיס באַנדעס געקוילעט יידישע מענער, פרויען און קינדער און זיי געוואָרפן אין טייך. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט ביי די שפּעטערדיקע פּאָגראָמען אויף יידן און אין דער שחיטה פון פּעטליורעס באַנדעס.

אויף דער לאַנגער זשיטאָמירער גאַס, אויפן תלמוד־תורה־הויף שטייט אַ זייטיק שטיבל, ווו ס׳האָט אַ לענגערע צייט געוווינט דער זיידע מענדעלע מוכר ספרים. דאָ האָט ער געשריבן זיין „טאַקסע״ און „פישקע דער קרומער״. נישט ווייט שטייט מיין פאָטערס הויז. נעבן טויער געפינט זיך דער פּאָליציי־פּאָסטן, ביי וועלכן עס שטייט דער נאָראָדאָווי דיעטיאַרענקאָ. מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, רויטן קאַרק און גראָבע ליפּן. ער טראָגט אויף איין זייט אַ רעוואָלווער און אויף דער צווייטער אַ שווערד. מען דאַרף זיך אָבער פאַר אים נישט שרעקן. ער חלומט נאָר וועגן פּורים, ווען מען וועט קענען נעמען אַ ביסל משקה און פאַרבייסן מיט אַ המן־טאַש...

נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך דער בערדיטשעווער בית־הקברות, ווו עס ליגט ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער. אויפן אוהל איז נישטאָ קיין שום אויפשריפט, נאָר פון דער מזרח־זייט זיינען פאַראַן צוויי גרויסע לעכער. אין איין לאָך ווערט אַריינגעשטעלט אַ נר תמיד און אין דער צווייטער וואַרפט מען אַריין קוויטלעך.

די גרויסע געביידע אין דער שטאָט איז געווען די אַלטע שטאָטישע שול, וועלכע איז הויך געווען פינף שטאָק. דאָ האָט געזונגען ניסן בעלזער מיט זיין כאָר. צווישן זיינע כאָריסטן האָט זיך געפונען דער שפּעטערדיקער חזן סיראָטאַ, דער זינגער סיביריאַקאָוו, קיפּניס און פיל אַנדערע. נעבן דער שול שטייט דעם

בערדיטשעווער צדיקס שול, די שטיבלעך פון די טשערנאָבילער, סקווערער, חב״דניקעס און פיל אַנדערע. קיין שטאָט האָט נישט געהאַט אַזוי פיל שולן ווי בערדיטשעוו.

יעדע בראַנזשע האָט זיך פאַרמאָגט איר שול. איר האָט דאָרט געקענט טרעפן די שניידערישע שול, די קצבישע, די משניות־שול און אַ סך אַנדערע.

## הוצקע דער טרעגער און זיין שול

אַ שטיין אויף אַ שטיין, אַ ציגל אויף אַ ציגל און די שול האָט זיך געבויט אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער הויך.

איניינעם מיט דעם וווקס פון דער שול, איז אויך געוואַקסן און זיך געפרייט דאָס האַרץ פון חוצקע דעם טרעגער, וועלכער איז דער גבאי אין דער אָפּגעברענטער טרעגערישער שול וואָס איז פאַרברענט געוואָרן פון אַ יאָרצייט ליכט. באַלד נאָך דער שרפה האָט חוצקע צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די מתפללים און האַלטנדיק פאַר זיי אַ דרשה אין דעם הויז פון זכריה דעם שענקער, האָט ער, נעמענדיק אין האַנט אַ גלעזל משקה, געזאָגט: רבותי! איך שווער אייך ביי דער משקה, אַז איך וועל נישט רוען ביי טאָג און ביי נאַכט און מיט גאָטס הילף און ווי אויך מיט אייער הילף, וועל איך צוריק אַ שול אויפבויען.

ער האָט געזאָגט און געטאָן. קורץ נאָכדעם האָט ער אינגאַנצן איבערגעביטן זיין לעבנשטייגער. ער האָט איינגעטיילט דעם טאָג אויף אַזאַ אופן, אַז מער פון דער העלפט האָט ער געווידמעט דער אַרבעט אויף דער שול בויען. זיין פאַמיליע האָט דערפון שטאַרק געליטן, אָבער זיין איינציקער אידעאַל איז געווען נאָר די שול. ער פלעגט אויפשטיין גאַנץ פרי מיט די הענער צוזאַמען. אָפּגעדאַוונט, אָפּגעגעסן, געכאַפּט אַ פלאַש משקה מיט פאַרבייסן און געלאָפן צו דער געביידע. דאָרט האָט ער אַראָפּגערופן פון דער רושטאָוואַניע די אַרבעטער. יעדער האָט זיך דערקוויקט מיטן ביסל שנאַפּס און אַ פריילעכער, אַ גוטמוטיקער איז ער אַוועק אין גאַס.

נאָך דעם שווערן אַרבעטס־טאָג איז ער געקומען צו זיך אַהיים, ווו עס האָט שוין אויף אים געוואַרט וועלוול דער שמש. דאָס איז געווען אַ ייד אַזי די זעכציקער, אויך אַ געוועזענער טרעגער. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אונטערגעריסן מיט אַ שווערער משא, האָט ער פאַרלאָזט דאָס פאַך און איז געוואָרן אַ שמש אין דער שול. ער האָט געקענט דאַווענען „ווי אַ וואַסער״ און ער האָט אויך געקענט גוט חשבונען. הוצקע האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיין לינקער קעשענע זיינע פאַרדינסטן און האָט דאָס אָפּגעגעבן דער פרוי און פון דער רעכטער קעשענע האָט ער אַרויסגענומען פאַפּירלעך, אין וועלכע עס זיינען געווען איינגעוויקלט די געלטער, וועלכע מען האָט אים געשענקט אויף דער שול. אָט איז אויף איינעם אָנגעשריבן קאָבעלאַנסקי. אויף אַן אַנדערן מאַגאַזיניק, אַרטנבערג, לייבוש מאַנזאָן, נוסינאָף, ליבאָף, סענדער שאהר, מאָטל ראַבינאָוויטש און פיל אַנדערע. וועלוול שמש האָט אים איבערגעציילט מיט דעם בליישטיפט און עס האָט אַלץ געשטימט. אויפן צווייטן טאָג איז ער געלאָפן אין דער ציגל־פאַבריק, ווו ער האָט באַצאָלט פאַר די ציגל און אַ העלפט האָט מען אים געשענקט. אַזוי איז אויך געשען מיט דעם איבעריקן בוי־מאַטעריאַל, ווי: געהילץ, צעמענט, טשוועקעס.

איינמאָל, אין אַ ווינטער־אָוונט, ביי דער שיין פון דער פולער לבנה, האָט מען באַמערקט עפּעס אַ סילועט, וואָס איז געשטאַנען און זיך געשאָקלט ביי אַ וואַנט פון דער נאָך נישט פאַרענדיקטער שול־געביידע. דאָס איז געווען הוצקע דער טרעגער. ער איז געווען טויט־שיכור און ער האָט גערעדט אויף אַ קול צו זיך אַליין:

„אָט דאָס איז מיין שול, דאָס איז מיין תורה; אָט דאָס איז מיין גאָט; דאָ וועל איך זיצן אויבנאָן אין מזרח; נישט אַזוי ווי איך האָב זיך געוואַלגערט ביי די טירן פון אַנדערע שולן די לעצטע פאַר יאָר. דאָ וועט מען מיר אויפרופן צו דער תורה: „יעמוד יצחק ברבי דוד הלוי״. און רעדנדיק אַזוי, האָט ער געקושט די וואַנט און האָט געוויינט.

✡

אַרום ענדע זומער איז געוואָרן פאַרענדיקט די שול־געביידע. הוצקע האָט זיך געווענדעט צו זיין חבר מאירל משה אהרונס, וועלכער

איז געוועזן דער גבאי פון דער מפשיטים־שול, אַז ער זאָל אים פאַרזאָרגן מיט פלייש אויף דעם מאַלצייט. מאירל משה אהרונס איז געווען אַ מאַן אַ ריז און אַזוי ווי ער איז גרויס געווען, אַזוי האָט ער פאַרמאָגט אַ גרויס יידיש האַרץ. אַז עס פלעגט זיך מאַכן אויף אַ יאריד, אַז גויים פלעגן אָנפאַלן אויף יידן, האָט ער מיט זיין אינטערווענץ געמאַכט אַש און שטויב פון די כוליגאַנעס. אין דעם באַשטימטן טאָג פון דעם חנוכת הבית, האָט מאירל משה אהרונס געברענגט צו פירן אַ לעבעדיקע קו, וועלכע מען האָט געקוילעט. פרויען האָבן געבראַכט פאַרשידענע געטראַנקען, איינגעמאַכטס, פאַרשידן געבעקס. אין דער שמחה האָבן זיך אויך באַטייליקט פדהוצורס קאַפּעלע. ניסן דער חזן מיט זיין כאָר. אַז דער כאָר האָט אָנגעהויבן צו זינגען דעם מאַרש לך ה׳ הגדולה והגבורה און די קאַפּעלע האָט אונטערגעהאַלטן, איז הוצקע אַריין אין אַזאַ עקסטאַז, אַז ער איז צוגעלאָפן צום ארון הקודש, אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט אַ ספר תורה און צודריקנדיק צום האַרצן, ווי מען דריקט צו אַ ליב קינד, האָט ער געכאַפּט אַ טענצל. אים האָבן נאָכגעטאָן אנדערע יידן. קינד און קייט זיינען געקומען בייוווינען די שמחה. די גאַס אַרום דער שול איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. דער גרעסטער בעל שמחה איז געווען הוצקע אַליין. דאָס איז געווען דער גרעסטער פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין לעבן.

## שלום עליכם און דער בערדיטשעווער דלות

די פיסקעס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס אַרעמסטע פערטל פון דער שטאָט בערדיטשעוו. דאָרט האָט געהערשט אַ גרויסע נויט, אַ גרויסער דלות. קיין שום אומה ולשון קען נישט פאַרשטיין אַזוי גוט, וואָס ס׳איז אַזוינס דלות, ווי מיר יידן. באַזונדער שטאַרק האָבן עס געפילט די איינוווינער פון די פיסקעס.

מען דערציילט, אַז שלום־עליכם איז אַמאָל געקומען קיין זשמערינקע, פאָדאָליער גובערניע, כדי דאָרט צו לייענען אַ לעקציע. געמוזט האָט ער לייענען אויף דער רוסישער שפּראַך. ער האָט פאָרגעלייענט זיין „גימנאַזיע". דער זאַל איז געווען איבערפולט מיט יידן און נישט־יידן און ווי געוויינלעך, האָט געמוזט אויך זיין אָנוועזנד דער פריסטאַוו. ווען די פאָרלעזונג איז געווען פאַרענדיקט, האָט דער לעקטאָר זיך געווענדעט צום פובליקום בזה הלשון:

— מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בין איך דאָ געווען, אָבער די שטאָט האָט זיך נישט געענדערט. די זעלבע בלאָטע, דער זעלבער שמוץ, דער זעלבער דלות. גאָר אַזוי ווי דאָ זיינען פאַראַן יידן און נישט־יידן און די לעצטע ווייסן נישט וואָס ס׳איז אַזוינס דלות, בעט איך די יידן איבערגעבן די נישט־יידן דעם דלות. ס׳איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער און אַ גרויסער רעש. אַז דער פריסטאַוו האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם וויץ, האָט ער אַריינגעזעצט שלום־עליכמען אויף 24 שעה אין „חד־גדיא".

## די פיסקעס

ווי עפּעס אַ קרענק, ווי עפּעס אַן עפּידעמיע, האָט זי זיך באַוויזן צום ערשטן אויף די פיסקעס. די הייזער זיינען געווען קליינע, נידעריקע, די געסלעך — נישט ברוקירט. אַלע שמוציקע זאַכן האָט מען געמאַכט הינטער די הייזער. ווינטער, איז דער גאַנצער שטח געווען באַדעקט מיט אַ טיפן שניי, אָבער זומער האָבן זיך אויפגעהויבן גאַנצע מיאַזמען ביז צום הימל און דער עיפוש איז געווען אַזוי גרויס, אַז די מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון דער שטאָט אויף די פיסקעס, האָבן זיך געמוזט פאַרשטעלן די נעזער.

דערפאַר איז די שטערבלעכקייט געווען זייער אַ גרויסע, ספּעציעל פון די קינדער. יעדן טאָג איז דאָרט געווען אַ גאַסט דער לאַנגער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד. ער פלעגט זיך אַרויסכאַפּן פון אַ הייזקע מיט אַ טויט קינד, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין קאַפּאָטע, פאַרבייגנדיק אַן עק. אין אַלע שכנותדיקע הייזער האָט מען אויסגעגאָסן דאָס וואַסער, ווייל אין אים האָט דער מלאך־המות אָפּגעוואַשן זיין חלף.

קיין שום ביימעלע, קיין שום גרעזעלע האָט מען נישט געקענט זען אויף די פיסקעס, די פרויען זיינען געווען אויסגעמוטשעטע פון

קינדלעך. זיי פלעגן זאָגן: וויפל גאָט גיט קינדער — אַזוי פיל דאַרף מען נעמען. די קינדער זיינען געווען, דאָס רוב, ראַכיטישע, טובערקולאָזע. די פאָטערס פון די פאַמיליעס האָבן געאַרבעט צו 15־16 שעה אַ טאָג און פונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט באַוויזן אויסצוהאַלטן זייערע משפחות.

אויף אַרויסקריכן פון דער נויט זיינען געווען צוויי וועגן: איין וועג האָט געפירט אויף רעכטס צום וואָקזאַל, ווו מען פלעגט נעמען אַ בילעט קיין ראַדזיוויליאָוו. פון דאָרט איז מען אריבער די גרענעץ דורך בראָד. פון בראָד — קיין אַמעריקע. דער צווייטער וועג האָט געפירט — פאַר די ווייניקער גליקלעכע — אויף לינקס, אויף זשיטאָמירער גאַס, העטאַרויף, נאָך דער ראָגאַטקע, צו הערשל עירעס דעם קברן. דאָרט האָט דער אָרעמער ייד שוין געהאַט פרישע לופט און געקענט אויף אייביק אויסרוען זיינע ביינער.

# פאלאנע

הארי גרייפמאַן

די פאַלאַנער יידן האָבן געשמט מיט זייער גמילות חסד און גאַסטפריינטשאַפט. די צדקה אינסטיטוציעס אין פאלאנע זיינען געווען באַוווסט אין גאַנץ וואָלין און אוקראַינע.

פאַר דער שחיטה פון כמעלניצקין, האָט פאַלאָנע געציילט העכער 12 טויזנט יידן. פאַלאָנע ווערט דערמאָנט אין די פראָטאָקאָלן פון „ועד ארבע ארצות". אין דעם אָנפאַל פון די „היידאַמאַקן" האָבן די יידן פון פאלאנע זיך פאַרפעסטיקט און מלחמה געהאַלטן, אָבער זיי זענען אַלע אומגעקומען.

די חסידישע באַוועגונג האָט זיך באַפעסטיקט אין פאלאנע און דאָרט זענען געזעסן דעם בעש"ט׳ס תלמידים: ר׳ יעקב יוסף הכהן און ר׳ יהודה לייב, וועלכן מען האָט גערופן „המוכיח". נאָכדעם, זענען אויך געווען תלמידי־חכמים, ווי דער באַוווסטער רב ר׳ אבא, א. אנד.

אין שטעטל, זיינען אויך געווען משכילים, ווי לודוויפאַל, שמעון דלוגאָטש, דער פאָטער פון פראָפ. פנחס דלוגאָטש אין אַמעריקע א. אנד.

דער יידישער דיכטער פרץ מאַרקיש, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער סטאַליניסטישער ראַטן־מאַכט, איז אויך געווען אַ פאַלאַנער. אין שטעטל האָט מען גערופן אַ גאַס אויף זיין נאָמען.

צווישן די חשובע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע שטאַמען פון פאַלאָנע, איז כדאי צו פאַרצייכענען: מאַקס ברעסלער, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ און איז געווען איבערגעגעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט זוכה געווען זיין דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע און אַ חבר פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

דער ציוניזם, וואָס האָט באַהערשט פריער די יוגנט, איז דערקלערט געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן אויסערן געזעץ. אַ טייל פון די ציוניסטן זיינען גערודפט געוואָרן און אַ טייל פון זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן בייטן זייער אידעאַל. די שולן זענען געשלאָסן געוואָרן דורך דער מאַכט. דאָס ברויזנדע נאַציאָנאַלע לעבן איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

ווייניק פאלאנער זענען עולה געווען קיין ארץ ישראל צוליבן פאַרבאָט פון דער סאָוויעטישער רעגירונג און צוליבן אייזערנעם פאַרהאַנג וואָס האָט אָפּגעזונדערט רוסלאַנד פון דער גאַנצער וועלט.

# א מצבה פאר ראדזיווילאווער קהילה

לייב אייזן

פון צייט צו צייט מוזן מיר דערמאָנען אונדזער שטעטל ראַדזיוויליאָוו, ווו ס׳זענען פאַרשניטן געוואָרן מענטשלעכע לעבנס פון אַ יידישער קהילה, ווו מיר האָבן פאַרלוירן אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטערס, זקנים און קינדער, חברים און פריינט, מיט גאַנצע משפחות.

(סוף אויף זייט 48)

## דיכטער, שרייבער, ביכער

# יחיאל רבבי

ש. ז. שז״ר

אויף אונדזער דור, רייך אין מערקווירדיקע איבערלעבענישן אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, איז נגזר געוואָרן געפּרוּווט צו ווערן אויך מיט דער אָנגעווייטיקטער, אכזריותדיקער איבערלעבעניש, וואָס צוערשט איז שווער געווען אַפילו זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ לעבעדיקער מענטש קאָן זיך דערצו צוגעווינען. און מיר



האַלטן עס אויס נישט איין יאָר און נישט צען יאָר, נאָר כמעט אַ גאַנצן דור — דאָס אָפּמעקן אין באַוווּסטזיין די גרענעצן צווישן ווירקלעכקייט און „ס׳געווען אַמאָל״, וואָס לעבט אין זיכרון; צווישן דאָ און, חלילה, נישטאָ. פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אָן און די גרויסע רעוואָלוציע נאָכדעם, ווען מיר זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון אַזוי פיל נאָענטע און טייערע און ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ באַרג צווישן אונדז, איבעררייסנדיק אַלע בריקן, אויך ווען אונדזער נשמה איז געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיט זייערע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן ווערן אין אונדזער באַוווּסטזיין אַ מין צווייטע ווירקלעכקייט שלא ידעו אבותינו און הלוואי ס׳זאָלן נישט וויסן דערפון אונדזערע קינדער. אַ מין איבערלעבעניש, וואָס איר יניקה איז פון זכרון, איר באַגרינדונג — פאָרגעפיל און איר גאַנצער זיין איז נישט מער ווי קעגנזייטיקע בענקעניש. אויב ס׳איז טאַקע אַ גזירה, אַז דער מת זאָל פאַרגעסן ווערן, איז נישט ווייניקער די גזירה, אַז דער לעבעדיקער מענטש זאָל זיך נישט לאָזן באַהערשן פון פולשטענדיקער שיכחה. און אויב אָט דער דורכדרינגענדיקער געפיל איז נישט נאָר אַן ענין פון יחידים, נאָר נעמט אַרום מיליאָנען עמך פוןביידע זייטן מויער און אויך זיי אַלע זענען זייער עמפּינדלעך, טיף־משפחהדיק און מענטשן, וואָס זענען געווינט צו חברן זיך: און דערצו, אויב אָט דאָס געפיל איז טיף אינעווייניק באַהאַלטן נישט קומענדיק צום אויסדרוק — דעמאָלט פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ גייסטיקער קראַפט, כמעט אַ נאַציאָנאַלע, וואָס איר גרויסן איינפלוס איז אין לשער.

דעריבער איז דאָס האַרץ אַזוי געשפּאַנט צו יעדער בשורה, וואָס דערגייט פון דאָרטן, און הויבט אָן קלאַפּן פון יעדן צייכן פון ממשותדיקן זיין, אַנטקעגן יעדן עולה און טוריסט פון דאָרט, אַנטקעגן יעדן אָפּגעריסן בלעטעלע אין מויל פון אַ טויב, וואָס קערט זיך צוריק צו דער תיבה — —

און דערפאַר וויינט אַזוי דאָס האַרץ אויף יעדער ידיעה וועגן אַ צווייגעלע, וואָס איז דאָרטן פאַרשניטן געוואָרן אויף אייביק — —

ווייל ווען ס׳דערגרייכט צו דיר אַ ידיעה וועגן טויט פון דאָרט, אַפילו מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג (די צייט האָט ווי אויפגעהערט צו זיין אַ פאַקטאָר), דערזעסטו פאַר זיך אַ מין ממשותדיקע מחיצה אין דיין באַוווּסטזיין צווישן דאָ — נישטאָ און אַבסאָלוטער אויפהער — און דער ווייטיק פון צעשיידונג איז ווי אַ סטעמפּל צו דער מחיצה.

אָט זאָגט מען מיר: אין די סטעפּעס פון סיביר אין ראַטנפאַרבאַנד האָט אויסגעהויכט

זיין אַטעם מיין יוגנט־חבר אין לערנען, דער העברעאישער דיכטער יחיאל רברבי.

און איך האָב אים נישט געזען זינט מיר האָבן צוזאַמען אָפּגעריכט די סדר־נאַכט ביים טאַטן אין שטוב אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט פּעטערבורג. עטלעכע חדשים פאַרן אויסברעכן פון ערשטן וועלט־קריג. אַ פּאָר חדשים נאָכדעם האָט זיך אָן עפּן געטאָן דער אָפּגרונט און די בריקן זענען צעבראָכן געוואָרן ביז היינטיקן טאָג.

אָבער אַלע יאָרן איז אַ „געוועב" געווען אויסגעצויגן אין די ווייטקייטן פון האַרץ צו האַרץ. אַט זאָגט מען מיר אָן: ס'איבערגעריסן געוואָרן דאָס „געוועב". דאָס מאָל — ממש איבערגעריסן.

✡

יינג זענען מיר געווען, ווען מיר זענען צוזאַמען געזעסן אויף דער לערנבאַנק און געלערנט תורה ביי אונדזערע רביים, די גדולי הדור פון חכמת ישראל אין רוסלאַנד, אינעם ערשטן אַרויסלאָז פון „הויכקורסן פאַר אָריענט־וויסנשאַפטן", דעמאָלט אַזוי גערופענע „אַקאַדעמיע", געגרינדעט פון אונדזער לערער, באַראָן דוויד גינצבורג ז"ל. אַ קליין הייפל איז זיך צונויפגעקומען אויף זיין רוף (1907) און ער, רברבי, איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן. ווען איך בין געקומען קיין פּעטערבורג נאָך סוכות אין יענעם יאָר, האָב איך אים שוין דאָרטן געטראָפן. אַ הויכער, אַ בלאָנדער, אַ וואָלינער. אַ גרויסן ידען פון דקדוק און העברעאישן לשון. גרייט זיך צו עקזאַמענעס אין דער יידיש־רוסישער גימנאַזיע פון אייזנבאַט, אַ ביסל אַ שעמעוודיקער און געכאַפּט אין שרייבן לידער אויף העברעאיש.

דער דיכטער צווישן אונדז איז אין אמתן געווען נישט ער, נאָר דער עלטערער חבר פון אים, דוד שמעונוביץ (שמעוני) ז"ל. ער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען צווישן די דיכטער. ס'שטייט אין ביבליאָטעק זיין בוך לידער, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע און די פּאָזיע־ליבהאָבער צווישן אונדז זענען בקיא אין זיי. צי איז שוין דעמאָלט געדרוקט געוואָרן דער „לעצטער שומרוני", וואָס מיר האָבן אין דעם געזען אַ ליד פון וואָרענונג און סימבאָל? און אין די נעכט, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון וואַסיליעווער אינדזל, ווו עס איז געווען אונדזער לערנאַנשטאַלט, אין צענטער שטאָט, דורך דעם פראַנצויזישן ברעג פון דער ניעוואַ, באַוווּנדערנדיק די צווי מצרישע ספינקסן, וואָס אויפן ברעג פון ניעוואַ — צי האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז איבער זיי האָט געדיכטעט אונדזער חבר, משורר שמעונוביץ, ווי ס'האָט געדיכטעט דער רוסישער דיכטער וועגן „קופּערנעם רייטער", וואָס קוקט דאָרט אַראָפּ נישט ווייט פון זיי? כ'האָב אויך געקענט זיינע יידישע לידער, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין דער „נייער וועג" פון ס. ס., און ווען ס'האָט אונדז באַהערשט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון זינגען „ווי זשערטוואָיו פּאַלי" צום אָנדענק פון די רעוואָלוציע־העלדן, האָב איך ליב געהאַט זינגען פאַר זיך אַליין דאָס ליד אין דער יידישער איבערזעצונג פון דוד שמעונוביץ „ווי לייבן געפאַלן זענט איר אינעם שלאַכט".

אָבער שמעונוביץ איז געווען בלויז אַ גאַסט אין דער „אַקאַדעמיע". זיין עיקר לערנען איז געווען אין אוניווערזיטעט און צו אונדז פלעגט ער קומען ווי אַ פרייער צוהערער פון געוויסע לעקציעס. רברבי איז אָבער געווען אַ תושב מיט אונדז. איינער פונעם הויפּט־קערן פון אָנהויב אָן.

אַ הויכער איז ער געווען. דער העכסטער צווישן אונדז. אַ ביסעלע איינגעבויגן.

דוד שמעונוביץ האָט שפּעטער געהאַט אַ ליד (העברעאיש):

„עִבְרִי אָנֹכִי מֵאֶרֶץ הַנָּכְרִים  
וַיְהִי לִי גֵו כָּפוּף".

**„כ'בין אַ עברעער פון פרעמדנלאַנד  
גיי איך איינגעבויגן."**

און ווער פון אונדז איז געווען אַזאַ אויסגעשפּראָכענער העברעער ווי אונדזער יונגער דיכטער יחיאל רברבי, און וואָס איז אים געווען נאָך מער פרעמדנלאַנד ווי פּעטערבורג,

די הויפטשטאָט פון צאַרישער רוסלאַנד? איז אויך זיין איינגעבויגנקייט געווען ווי זעלבסט־פאַרשטענדלעך און כמעט נאַטירלעך.

„פראַוואָזשיטעלסטוואָ" (ווינרעכט) האָט ער פאַרשטייט זיך נישט געהאַט אין פעטערבורג. אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש, באַראָן גינצבורגס אַ מענטש, וואָס איז געווען באַשטימט אויף די ווינרעכט־עסקים פון די תלמידים, האָט אים פאַרשריבן אַלס טינטנמאַכער און ביז דער ענין פון פאַרשרייבן האָט זיך איינגעאָרדנט מיט אַלע פיטשעווקעס, האָט ער נישט איינ־מאָל פאַרזוכט, צוזאַמען מיט נאָך חברים, דעם טעם פון אַרומגיין גאַנצע נעכט איבער פע־טערבורגער גאַסן ביי דער שיין פון דער בלאַ־סער לבנה. — —

און ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן אונדזער אינטערנאַט אויף דער אַכטער ליניע נומער 33, אינעם הויז, וואָס אין הויף האָט געוווינט אויך אונדזער לערער, היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, און די צימערן זענען פאַרטיילט געוואָרן צווישן די תלמידים, צו־צוויי אין אַ צימער, איז רברבי געווען דער איינציקער צווישן אונדז, וואָס האָט זוכה געווען צו אַ באַזונדער צימער, צום קליינעם צימערל צווישן דעם ווין־פליגל און פאַרטראַגזאַל. דאָס איז געווען נאַטירלעך, רברבי איז דאָך אַ דיכטער.

אַן עפנטלעכער פּאָלעמיקער איז ער אויך דעמאָלט נישט געווען און אין די הייסע דיס־קוסיעס האָט ער נישט ליב געהאַט זיך אַריינ־מישן. אויך אין אַ יאָר אַרום, ווען ס'זענען אָנגעקומען די אַדעסער תלמידים פון דער גרויסער ישיבה וועלכע ס'האָבן געגרינדעט רב צעיר (טשערנאָוויטש) און קלויזנער, צווישן זיי אויך אויסגעשפּראָכענע דיסקוטאַנטן, זענען די וויכוחים צווישן אונדז — אַ הייפל ציוניסטן־סאָציאַליסטן און אויסגעשפּראָכענע ציוניסטן — דערגאַנגען ביזן הימל. אויף דער אומ־פאַרמיידלעכער צוזאַמענשטויס צווישן קלויז־נערס לערע און תורת דובנאָוו האָט אויפגע־שטורעמט כוואַליעס, אָבער אויך ווען די ווי־כוחים האָבן זיך פאַרצויגן לאַנג און שטורמיש איז רברבי געווען צווישן די זייטיקע צוקו־קערס. ס'געווען אין אים אַ מין פיינשמעקעריי זיך נישט אַריינלאָזן צופיל אין קהל־זאַכן.

אָבער די „חובבי שפת עבר" האָט ער אָפּ־געהיט געטריי און אָפּט באַזוכט אין דעם פאַרבאַנד פאַר יידישער ליטעראַטור געגרינ־דעט פון דובנאָוו און שאול גינזבורג. און ווען ס'האָט זיך צעפלאַקערט דער שטרייט צווישן די העברעאיסטן און יידישיסטן, איז ער גע־ווען מיט די העברעאיסטן, רואיק און זיכער.

נאָר איינמאָל האָט ער זיך אַרויסגעלאָזן צו געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט, זייער שטור־מיש. ווען אין די קרייזן פון פאַרבאַנד פאַר יידישער מוזיק איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן אָפּערע. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אויף גאַנצע מאָנאַטן אין זיין איינזאַם צימערל און האָט איבערזעצט אין העברעאיש „שמשון און דלילה" מיט גענויעם ריטם און לויט די נאָטן, כדי איר אויפפירן אויף דער בינע. ווען ער האָט פאַרענדיקט, איז ער געוואָרן אַן עסקן, צענויפגעזאַמלט דעם כאָר און מאָביליזירט די הילף פון „חובבי שפת עבר", איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט אונדזער לערער בוקי בן יגלי און אָפּגעדרוקט דעם העברעאישן טעקסט פון דער ליברעטאָ. ער איז געווען איבער־גליקלעך אין יענעם פייערלעכן אָוונט, ווען מיר זענען אַלע געקומען אָנטיילנעמען אין זיין שמחה און אין דער שמחה פון העברעאיש אין דער הויפטשטאָט. ווען ס'איז אויפגעפירט געוואָרן די אָפּערע אין טעניסבאַוועסקער שולע פאַר דער גאַנצער יידישער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ אין פעטערבורג. דאָס איז געווען די ערשטע העברעאישע אָפּערע און דאַכט זיך די איינציקע וואָס ס'אויפגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד.

צו זיין דיכטערישער לעגיטימקייט האָט ער אויך געהאַט אַ מין ספּעציעלן יחוס־בריוו: אָט דער וואָלינער איז געווען אַ זווהילער (נאָוואָ־גראַד־וואָלינסק), די געבוירנשטאָט פון מרדכי זאב פייערבערג און פון איר איז צו אונדז אָנ־געקומען זיין דערציילונג „לאָן" (וווהין). לאָן איז דעמאָלט געווען פון די פּערל פון אונדזער נייער העברעאישער ליטעראַטור; דער גייס־טיקער קריזיס, וואָס זיין נחמן האָט איבער־געלעבט איז געווען דער קריזיס פון דער מערהייט אַקאַדעמיע־מענטשן (דעם אַלטנס גע־שפּרעך מיט נחמנען וועגן סאָלדאַטן־ציל פון יידישן יוגנטלעכן אין „הייליקן מיליטער" האָט געהאַט אַן אוממיטלבאַרן חלק אין זייער עצם

צענויפזאַמלען זיך דאָ) און נחמנס לעצטע רע־דע וועגן צוריקקערן זיך פון פאָלק ישראל קיין מזרח האָט שוין געפלאַקערט אין די הערצער פון עטלעכע פון אונדז ווי אַ לעבנסהאָפענונג. ס'איז געווען, אַלזאָ, אַ מין נאָענטקייט פון גורל צווישן יענעם שריפטשטעלער פון זוויהיל, וואָס איז אונדז זינט דאַמאָלס געווען אַזוי טייַ־ער און צווישן יינגן זוויהילער דיכטער וואָס הויבט אָן, פאַר אונדזערע אויגן, זיין וועג אין דער ליטעראַטור.

נאָך רעקלאַמע איז ער נישט נאָכגעלאָפן. די העפטן „השלוח", אין וועלכע ביאַליק האָט פאַר־עפנטלעכט רברביס לידער זענען געווען באַ־האַלטן אין די שופלאָדן פון זיין טיש. כ'געד־דענק דעם אָונט, ווען רברבי איז געזעסן אויף זיין בעט אין זיין צימער און געלייענט פאַר מיר מיט פאַרשטיקטן פאַטאָס זיין ליד „על השחר" (פרזימאָרגן):

חוֹשָׁה אֲרִיאֵל, פְּרֹשׂ כְּנָפֶיךָ,
וְעַל עוֹלָמִי אָשְׁרְךָ זְרֵה,
וּבְעוֹד זָהֳרְךָ לֹא נִדְעַךְ
רָקִיעַ חוֹלֵם עָלַי נָטָה.

**אייל זיך אריאל·) צעשפרייט דיינע פליגל**
**און אויף מיין וועלטל דיין גליק שיט אויס גיך.**
**כל־זמן ס'דיין ליכט נאָך נישט אויסגעלאָשן**
**אַ הימל פאַרחלומט לייג איבער מיך.**

אָט איז דאָס ליד פאַר מיר, אין „השלוח"־העפט פון חודש אדר תרס"ח. שוין דעמאָלט האָט ער זיך זייער געשראָקן פאַר דער „לאָקנ־דיקער זון" און פאַר איר „גליענדיקן רויטן שוים" און האָט זיך איינגאַנצן געטוליעט צו דער שיין פון „פרימאָרגן־חלום", וואָס וועט „אָפּ־היטן ביז נאַכט":

וּבְלֵב זִירַת הַיָּם טוֹרְפִים
יִהְיֶה לִי לְמִקְדַּשׁ אֵל.

**אין האַרץ פון לעבן, וואָס פרעסט אויף**
**וועט ער מיר גאָטס מיקדש זיין.**

און אין עטלעכע חדשים אַרום איז אָנגע־קומען אַ נייער העפט „השלוח" (אב תרס"ח) מיט זיינס אַ ניי ליד „בנחל" (אין טייכל) ווו ס'האָט זיך נאָך מער געמערקט די וואַלינער ביאַליק־השפעה. אין ליד זענען דאָ סטראָפן, וואָס טראָגן אויף זיך דעם סטעמפל פון „הברי־כה" (די סאַזשעלקע):

בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה הֵם נָעִים, נֶחְפָּזִים, וְאֵין אֲנִי יוֹדְעָם
מֵאַיִן הֵם בָּאִים הַגַּלִּים וּלְאָן הֵם מוֹלִיכִים אֶת סוֹדָם.
וּבְרֶדֶת הַלַּיְלָה בִּדְמָמָה, מְעֻטָּף בִּקְסָמָיו הָרַכִּים
בַּחֲלָקוֹת עֲדִינוֹת שֶׁל רוּחוֹת, בְּרֶמֶז כּוֹכָבִים צָנוּעַ
יָנוּחַ בָּם מִשְּׂחוֹקוֹ, וְיִנַּדְנֵד בִּרְחָבָה וְנַחַת
בֵּין עֵצִים יְשֵׁנִים בַּעֲמִידָה אֶת מֵימָיו הַקָּרִים, הַזַּכִּים...

**סיי בייטאָג סיי בייַנאַכט וויגן זיך כוואַליעס, זיך יאָגן.**
**כ'ווייס נישט פון וואַנען זיי קומען, וווהין זייער סוד זיי פאַרטראָגן.**

**און די נאַכט, ווען זי פאַלט שטיל אַרונטער אין צויבערן ווייכע געהילט**
**מיט איידעלע גלעטן פון ווינטלעך, צניעותדיק ווונקען פון שטערן,**
**רוט זיך אַפּ אין זיי פון זיין שפילן, וויגט מיט א רחבות און נחת**
**צווישן בוימער וואָס שטייענדיק שלאָפן, זיינע וואַסערן, זויבער־געקילט.**

אויך מאַטיוון פון „לבדי״ (אַליין) געפינען מיר דאָרט:

וּבְרִדְתִּי בַּלַּיְלָה אֶל שְׂפָתוֹ וּבְשָׁמְעִי אֶת לַחַשׁ הַגַּלִּים
יָרְדָה אָז שְׁכִינַת הַדְּמָמָה, כְּאֵם רַחְמָנִיָּה הִיא בָּאָה
וְהֵשִׁיבָה הַמְנוּחָה אֶל חֵיקִי וְתִקְוָה אֶל רוּחִי הַכּוֹאֵב.
שֵׁנִית יוֹפִיעַ בִּלְבָבִי, לְשָׁעָה אַךְ קַלָּה יוֹפִיעַ
חֲלוֹמִי, חֲלוֹם זָהָב נִשְׁכָּח, שֶׁלֹּא פְּקָדַנִי זֶה כַּמָּה
וְשׁוּב הוּא צָץ דּוֹמָם בְּלִבִּי, כְּסַהַר הַכֶּסֶף בְּנַחַל;
חֲרִישִׁי הוּא צָץ, בִּי יִתְבּוֹנֵן, וְהוּא חִוֵּר וְעָיֵף כָּמוֹנִי —

**כ׳גיי אַרונטער ביינאַכט צו זיין ברעג, הער זיך צו צו זיין כוואַליעס־געמורמל.**
**ס׳נידערט די שכינה פון שטילקייט, קומט אָן ווי אַ האַרצעקע מאַמע.**
**קערט אום די רו אין מיין שויס, ס׳צעהאָפט זיך מיין גייסט, וואָס טוט ווי**
**און אויפסניי בליצט אויף אין מיין הארץ, נאָר אויף אַ ווייל טוט אויפבליצן**
**מיין חלום. פאַרגעסענער גאָלדענער חלום, וואָס האָט שוין מיך לאַנג נישט באַזוכט.**
**אָט שפּראָצט ער שטיל אין מיין האַרצן, ווי די זילבער־לבנה אין טייכל.**
**שאַ־שטיל. מיך באַקוקט. אַזוי בלאַס, אַזוי מיד, פונקט ווי איך.**

און ווירקלעך. אַ בלאַסער זיצט פאַר מיר מיין הויכער, בלאַנדער חבר און ווי שטענדיק אַ מידער, ווי געטריי דעם פאַרגעסענעם גאָל־דענעם חלום — לעבט ער אין מיין זיכרון.

דערנאָך האָבן זיך צעשיידט אונדזערע וועגן. די זעלטענע גרוסן, וואָס כ׳האָב דערהאַלטן פון אים אין פאָרם פון לידער אין „השלוח״ האָבן שוין אַנגענומען אַ פאָרם פון ליבע־לידער:

עָלֵינוּ אָז גָּחַן הַלַּיְלָה וְיִשְׁחֹר
עַל חָזוֹן שֶׁנִּפְתָּר וְעַל סוֹד שְׁנֵי לְבָבוֹת.

**אויף אונדז האָט זיך נאַכט איינגעבויגן, געשוואַרצט,**
**אויף זעאונג־געלעזט־שוין, אויף סוד פון צוויי הערצער.**

אויך אין ד י לידער האָבן זיך געשטאַרקט די ביאַליק־מאָטיוון:

הַדְּמָמָה זוֹרַחַת וְהָאוֹרָה שׁוֹתֶקֶת,
וְשַׁאֲנַנָּה, מוּגָפָּה עַל כַּנְפֵי מַלְאָכִים
שְׁכִינָה עֲדִינָה מִתְפַּנְּקָה, צוֹחֶקֶת.

**די שטילקייט צעשטראַלט, ס׳שווייגט שטיל דאָס ליכט**
**און אויף מלאכימלעכס פליגל געשלאָסן**
**רואיק פיעשטשעט זיך מוזע, ס׳לאַכט איר געזיכט.**

און אַ ליד וועגן:

„פְּנִינָה זוֹרַחַת עַל חָזֵךְ יָפָתִי!
הֲתֵדְעִי, מֵאַיִן הַפְּנִינָה?״

**אַ פּערל, מיין שיינינקע, שיינט אויף דיין ברוסט!**
**צי ווייסטו, פון וואַנען די פּערל?**

*) גיבור. אין תנ״ך — ירושלים, דער בית מקדש. אין רברבים ליד — ווייזט אויס: מאָרגן־שטערן. מלאך פאַר זון־אויפגאַנג.

און מ׳זאָגט מיר — אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און קערענסקי־רעוואָלוציע האָט ער נאָך אַ סך לידער געשריבן און אויך גרעסערע שאַפונגען. אין „התקופה״ איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ גאַנצע, לאַנגע פּאָעמע זיינע („אפרסמון״).

און די מוזע איז פאַרשוויגן געוואָרן. צו מיר, יעדנפאַלס, זענען די אָפּקלאַנגען פון זיין דיכטונג נישט דערגאַנגען מער. צו דערפאַר, ווייל דער גרויסער באַרג איז אויסגעוואַקסן הויך צווישן אונדז אָדער ווייל זיין מוזע איז שטיל געבליבן? אומזיסט האָב איך געזוכט זיין נאָמען אין די רעוואָלוציאָנערע העברעאישע זאַמלביכלעך „בראשית״ און אין „צלצלי־שמע״. אויך דאָרט האָט זיין נאָמען געפעלט.

✡

דערנאָך, אין אַ סך יאָרן אַרום, יאָרן פון רעוואָלוציע און בלוט און שטומשווייגן, בעת מיין לעצטער באַגעגעניש מיט מיין לערער ר׳ שמעון דובנאָוו אין בערלין, ווען מיר, אַ גרופּע תּלמידים זיינע זענען געקומען אים באַגריסן צו זיין 70־סטן געבוירנטאָג, האָב איך זיך דערווּסט פון אים, אַז רברבי איז אַוועק צווישן די פאָרשער און ער לעבט פון קלייבן מאַטעריאַל פאַר ישראל צינבערגס גרויס ווערק איבער דער „געשיכטע פון דער ישראל־ליטעראַטור״. ער זיצט אין דער גרויסער, נישט געהייצטער ביבליאָטעק פון אזיאַטישן מוזעאום, כאַפּט ציטאַטן אין ים פון דער אַלטער ליטעראַטור און באַקומט אַ „פּאַיאָק״ אַלס וויסנשאַפטלעכער רעגיסטרירטער אַרבעטער.

און ס׳זענען מיר פאַרענטפערט געוואָרן אַ סך זאַכן, ווי אַזוי סיערגיי לאַזאַרעוויטש, ס׳הייסט ישראל צינבערג, דער אָפּגעהאַלטענער, צניעותדיקער מענטש, אַן אינזשיניער פון פאַך אין פּוטילאָווס פאַבריק, אַ ליטעראַרישער קריטיקער און עסטעט לויט זיין נייגונג, וואָס שרייבט פאַר זיין הנאה וועגן איבער נייע ביכער אין „נאָווי וואָסכאָד״ און אין „סוואָבאָדאַ אי ראַוונייעסטוואָ״, טייער האַלטנדיק שרייבער און מיט אַ פיינעם געשמאַק, און באַקלאָגט זיך ביטער פאַר די יונגע אַנטיילנעמער אין דער יידיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלייגט דאָס רעדאַקטירן די גאַנצע ליטעראַרישע אָפּטיילונג אין איר, נישט זייענדיק גענוג געאיבט דערצו און ער פאַלט אַ מידער אונטער דער לאַסט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט — ווי אַזוי האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און איז צוגעטראָטן צו טון פאַר ישראַ־ליטעראַטור אַזוינס, וואָס קיינער האָט נישט געטון פאַר אים? און ווי אַזוי איז ער בייגעקומען אָט די ריזיקע אויפגאַבע? נישט אַנדערש, נאָר ווען ס׳האָט זיך געשטאַרקט דאָס פאַריתומטקייט אַרום און דער גזר־דין איז געשטעמפּלט געוואָרן, האָט דער טייערער צינבערג צענויפגערופן די לעצטע איבערגעבליבענע יונגע תּלמידי־חכמים אין דער הויפּטשטאָט, איינגעטיילט צווישן זיי די אַרבעט און צוזאַמען מיט זיי אויפגעשטעלט די גרויסע געביידע, א מין חתימה פון באַאָבאַכטונג פון רוסישן יידנטום די גרויסע אוצרות פון ליטעראַטור־ירושה פונעם פאָלק אין דער לעצטער שעה, איידער ס׳פאַרגייט איר טאָג — —

און ס׳איז אויך פאַרענטפערט געוואָרן, פאַרוואָס האָט אויסגעפעלט דער פלאַץ פון אונדזער חבר רברבי אין „צלצלי־שמע״ און „בראשית״: א רעגיסטרירטער וויסנשאפטלעכער ארבעטער, וואָס לעבט פון „פּאַיאָק״ אין יענע צייטן, גלייכער ער זאָל זיין פאָרזיכטיק און זיך נישט אריינלאָזן מיט מענטשן, וואָס זענען בספק.

און דערנאָך, ווען ס׳אויפגעעפנט געוואָרן די יידישע פאַקולטעט אין דער ביעלאָרוסישער אוניווערזיטעט אין מינסק, האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אַ ידיעה, אַז רברבי איז אַהינגענומען. געוואָרן דאָרט רעפערענט פאַר ליטעראַטור. ער און י. ד. מאַרקאָן, אונדזער אַמאָליקער לערער אין דער „אַקאַדעמיע״. מאַרקאָן אַלס פּראָפעסאָר פאַר אַלט־ליטעראַטור און ער, רברבי, ווי אַ דאָצענט פאַר דער ניי־ליטעראַטור.

און ווירקלעך, ס׳ניט אַריבער קיין סך צייט, און אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים איז דערהאַלטן געוואָרן א וויסנשאַפטלעכע זאַמלונג פון ראַטנרוסלאַנד געווידמעט חכמת ישראל. דאַכט זיך די איינאונאיינציקע זאַמלונג פון דעם מין, וואָס איז דעמאָלט דאָרטן דערשינען מיטן נאָמען „יעווריישקי

ווייסטניק" *). איז דאָרט געבראַכט געוואָרן אַ היסטאָריש־ליטעראַרישע פאָרשונג פון יחיאל רברבי איבער „אַ רב, וואָס קעמפט קעגן אלט־קייטן אין 17־טן יאָרהונדערט", אַן עסיי איבער ר' אברהם קואנקי, דעם בעל „אבק סופרים".

א ים פון זכרונות האָט מיך פאַרפלייצט זע־ענדיק זיין אַרטיקל.

ס'איז געווען אין סעמינאַר פאַר געשיכטע פון שמעון דובנאָוו אין דער „אקאדעמיע". כ'בין באַאויפטראַגט געוואָרן רעפערירן איבער די „זכ־רונות פון גליקל פאַן האַמעלן, אַלס קוועלע צו לערנען די פאַרבינדונגען צווישן די קהילות אין יענער צייט". דאָס בוך איז דערשינען בלויז מיט עטלעכע יאָרן צוריק אין זיין אָריגינאַל אין אַלט יידיש און אין דייטשער איבערזעצונג מיט אַ וויסנשאַפטלעכן אַריינפיר פון פּראָ־פעסאָר דוד קויפמאַן. כ'האָב זיך לאַנג צוגע־גרייט צו דעם רעפעראַט און עטלעכע אָוונטן האָט זיך געצויגן דער שמועס וועגן אים אונטער דער לייטונג פון אונדזער באַליבטן לע־רער דובנאָוו. מיר זענען געווען בערך אַכט חברים אין סעמינאַר, צווישן זיי רברבי. רברבי און אַלע אַנדערע האָבן זיך לעבהאַפט באַטיי־ליקט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויך אויף אירע קינדער־זיכרונות פון אַנהויב שבתאיזם (כ'האָב דעמאָלט געהאַלטן ביים אַנהוי־בן שרייבן מיין אַרטיקל איבער שבתאי צבי אין דער רוסישער ענציקלאָפּעדיע) און מיר זענען אַוועקגעשווומען צו די מקורות וועגן פאַרשפּרייטן די משיחישע בשורה צווישן די קהילות. אַלס באַוויז האָב איך געבראַכט אין סעמינאַר דעם „אבק סופרים", דאָס גרויסע בוך פון שבתאי צביס משולח ר' אברהם קו־אנקי, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין אַמסטער־דאַם אין תע"א און כ'האָב פאַרגעלייענט פאַר מיינע חברים פון דער באַלערנדיקער הקדמה די לאַנגע רשימה פון די קהילות אין וועלכע דער משולח, וואָס האָט געלעבט אין שבתאי צביס צייטן און געווען זיין פאַרערער, האָט באַזוכט אין די צייטן פון גליקל אין זיינע רייזעס. די רשימה נעמט אַרום אַלע גלות־צענטערס אין אייראָפּע: אַמסטערדאַם און לאַנדריש, האַמבורג און באַמבורג און אייזנ־שטאַט און פּראַג, און די מדינה פון מעהרין און מדינה פון סלעזיע, מדינה פון האמארק מיט בערלין און האַלבערשטאַט... און פראַנקפורט און פיורדאַ, און די מדינה פון פוילן מיט אירע ניין כפתור־ופרחס ריין גאָלד, קראָקע, פּויזן, לובלין, לוואָוו, וואָס מ'רופט לעמבערג — און די מדינה וואָלין מיט דער גרויסער שטאָט צו גאָט ק"ק אסטראָה, און מדינה פון ליטע און מדינה פון רייסן, בריסק, פינסק; האַראָדני, ווילנע און אויך ק"ק סלוצק מיט מינסקער קרייז און ק"ק מאָהלעוו און מדינה פון זאַמוט — עד כאן אין אַן אויבערפלעכלעכן חשבון". זייער אַ לאַנגע רשימה. און אונדזער לערער דובנאָוו האָט באַגלייט די ווערטער מיט גענויע דערקלערונגען וועגן יעדער איינער פון יענע קהילות, זייער מצב און ווער איז געשטאַנען אין זייער שפּיץ און מיט וואָס האָט זיך אויסגעדריקט דער קשר צווישן זיי. די רייד זענען געווען זייער אַנגע־נעם און פילזייטיק באַלויכטן און זייערע צו־הערער וועלן זיי נישט אַזוי לייכט פאַרגעסן.

☆

און אַט, אין אַריבער צוואַנציק יאָר אַרום, ווען „בערג זענען געוואָרן טאָלן" און אין דער אָפּגעריסענער אַנטשוויגענער רוס־לאַנד איז געלונגען אַ גרופּע איבערגעבליבענע פאָרשער, איינזאַמע און איזאָלירטע, אויסנוצן אַן איבעראַשנדיקע נס־געלעגנהייט און ביי־שטייערן איין פאַריתומטע זאַמלונג, אַ מין בינ־טל ברעטער יאָ צוזאַמענגעבונדן — נישט צו־זאַמענגעבונדן, אַן איבערבלייבעניש פון אַ גרויסער שיף, וואָס איז אונטערגעגאַנגען — האָט זיך רברבי דערמאָנט אין זיינע אַמאָליקע לערנאָוונטן, וואָס וועלן זיך נישט צוריקקערן; האָט אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע פון אַזיאַ־טישן מוזעאום יענעם פאָליאַנט פון „אבק סופ־רים" און זיך אַריינגעטון אין אים אויפסניי, כדי צו ברענגען פון דאָרט זיין ביישטייערונג צו דער זאַמלונג. וועגן שבתאיזם פון יענעם שליח און זיינע באַציאונגען צו ארץ ישראל

*) מיין אַרטיקל איבער דער זאַמלונג א. נ. „צום שיין פון פענצטערל" איז געדרוקט געוואָרן אין „התקופה", באַנד כ"ה, תל־אביב.

איז פאַרשטייט זיך נישט כדאי צו דערציילן אין יענע באַדינגונגען, אָבער וועגן זיין מלחמה מיט די תקיפים פון די קהילות און וועגן זיין אָננעמען זיך פאַר די מאַסן קעגן די פּרנסים איז כדאי און ס׳לוינט זיך צו דערציילן. אדרבא, ס׳האָט געדינט אפשר אלס סגולה „כשרן" אין די אויגן פון געוויסע מענטשן דעם עצם פאַרעפנטלעכן פון דער איינאונאיינציקער זאַמלונג.

דער זאַמלונג האָט דאָס אַרטיקל געבראַכט אפשר נוצן; רברבין אַליין איז אויך אָט דער זכות נישט בייגעשטאַנען אין נאָענטן טאָג פון צאָרן.

ווייל ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און זיין חבר־קעגנער אין יענער אוניווערזיטעט, וואָס האָט בעסער פון אים געוווסט זיך צוצעפּאַסן צום גייסט פון דער יעווסעקציע, האָט עפנטלעך פאַרגעוואָרפן רברביס חטאים, וואָס זענען געווען שווערע ביז גאָר: ווען ער ציטירט אין זיינע רעפעראַטן פאַר די שילער דעם היסטאָריקער דובנאָוו, לייגט ער נישט קיין אַכט ווי געהעריק אונטערשטרייכן געגוג זיין „רעאַקציאָנערן־בורזשואַזן־שאָוויניסטישן כאַראַקטער" און זידלט אים נישט געגוג אויס, ווי ס׳דאַרף צו זיין.

זענען אונטערגעגאַנגען זיינע שיפן. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען ביידע אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זייערע שטעלן, אויך דער לערער פּראָפ. י. ד. מאַרקאָן, אויך זיין תלמיד, דאָצענט יחיאל רברבי. מאַרקאָן האָט נאָך באַוויזן זיך דערלאַנגען קיין מיטל־אייראָפּע און ווערן ביבליאָטעקאַר אין האַמבורג; רברבי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פונעם האָריזאָנט...

✡

אין יאָרן אַרום, אין סאַמע הערשן פון מאַנדאַט און באַגרענעצונג פון דער עליה, איז געקומען צו מיר אַ בלאָנדער יונגערמאַן, אַ הויכוווקסיקער און אַ ביסל אַן איינגעבויגענער און זאָגט: כ׳בין אַ שוועסטער־קינד פון דיין יוגנט־חבר יחיאל רברבי. ער איז אַן אייגנטימער פון אַ קליינעם פּרדס אין ראשון־לציון. איז אָט האָט ער דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז יחיאל געפינט זיך אין סיביר און אויב מ׳וועט פאַר אים קריגן אַ סערטיפיקאַט, וועט ער קריגן דאָס געלט. אפשר וועט מען קאָנען אויסטוישן זיין פאַרשיקונג אויף עליה קיין ארץ־ישראל?

האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע פּרשה פון באַמיאונגען. דער סערטיפיקאַט איז געגעבן געוואָרן, דער פּלימעניק האָט אַוועקגעשיקט — און אין קול ואין עונה. צי איז דער סערטיפיקאַט נישט אָנגעקומען אויפן ריכטיקן אַדרעס, צי איז דער אויסטויש־פּלאַן צונישט געוואָרן? דער פּלימעניק מיינט, אַז יחיאל האָט בכלל נישט געוואַגט פאָדערן דאָרט אַן אַרויספאָרדערלויבעניש.

איצט זאָגן מיר זווהילער: אין די סטעפּעס פון סיביר איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכט פון מיין חבר יחיאל רברבי.

דאָס איז דאָס „געוועב" אין די ווייטקייטן, וואָס איז געווען יאָ אויסגעשפּרייט — נישט אויסגעשפּרייט צווישן האַרץ־און־האַרץ צענדליקער יאָרן און אָט איז עס אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן.

פון דעם אָפּגעהאַקטן בוים איז אַ צווייגעלע אַראָפּגעפאַלן פון אונטערן פּלויט און איינגעדרימלט — —

און ביים דערוועקן זיך פון טיפן ווייטיק פון ענדלעכן איבעררייס, איז באַלויכטן געוואָרן ווי פון אַ בליץ די גאַנצע טייערע געשטאַלט פון מיין חבר אין שיין פון די גורל־נסיונות פון אונדזער דור.

הכרמל, כ׳ אלול תשט״ו

מרדכי בונה (ביבער)

# שמואל צבי זעצער

(צו זיין נײנציקסטן געבוירנטאָג און פירטער יאָרצייט)

דאָס קינדער־וויגעלע פון הערשל זעצער איז געשטאַנען אין א שטאָט אין מיטן וואָלין, אין די סטעפּעס פון אוקראַינע. נאָך יינגלווייז איז ער מפורסם געוואָרן אלס שרייבער און דענ־



קער. צוערשט אין דער מחיצה פון מ. ז. פייערבערג און דערנאָך, אין די לעצטע יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אין אָנהויב פון 20־טן — אין דער חברותא פון וואַרשעווער שריפטשטעלער, דעמאָלט אין דער שפּיץ פון סאָקאָלאָוו, פרישמאַן און פרץ. פון הערשל זעצער איז געוואָרן שמואל־צבי זעצער, דער באַגאַבטער שריפטשטעלער, וואָס האָט אָנגעהויבן ווערן א שם־דבר...

אייגנטלעך איז זיין נאָמען געווען בלויז הערשל און שמואל איז זיין פאָטערס נאָמען. נאָכן פאָטערס טויט האָט ער „צוגעטשעפּעט" צו זיך אויך זיין פאָטערס נאָמען, ווענדיק אים אָפּגעבן כבוד. מען דאַרף געדענקען, אז דער שטרייט צווישן פאָטערס און זין איז דעמאָלט געווען אין פולן ברען — אָבער נישט ביי די זעצערס, הגם זעצערס פאָטער איז געווען זייער אַ פרומער ייד, האָט ער נישט געלייגט קיין שטיינער אויף זיינס זונס וועג. ער האָט אים טאַקע דערצויגן צו תורה און יראת־שמים, ווי דער שטייגער איז געווען, ביי די בעסטע מלמדים אין שטאָט און גאָר אינגיכן, אלט זייענדיק 15 יאָר איז ער מפורסם געוואָרן אלס „וואָלינער עילוי" — אָבער זיין פאָטער האָט נישט געאַרט, וואָס זיין זון „קוקט אַריין אין די ביכלעך". ער איז געווען זיכער, אַז „דער שטן וועט זיין זון נישט בייקומען!..."

צווישן זיינע אלע חברים, וואָס פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין קליינעם צימער פון זייער לערער פייערבערג, איז הערשל געווען דער איינציקער, וואָס איז געווען פּטור פון נעמען אָנטייל אין „קאַמף פון פאָטערס און זין". ער איז געווען דער חריף צווישן זיי און אלע הלכות, וואָס זענען באַנייט געוואָרן אין „בית־מדרש" פון פייערבערגן, זענען צוערשט אדורך שטורמישע דיסקוסיעס, וואָס זעצער האָט שטענדיק ארויסגערופן מיט זיין חריפות.

די שטריכן פון זיין געשטאַלט, וואָס האָבן זיך אין אים אויסגעפאַרעמט פון זיין יוגנט אָן, האָבן אים באַגלייט זיין גאַנץ לעבן: גרויס פילבארקייט, עקשנות און האַלטנדיק זיך ביי זיין מיינונג, מיטגעווירקט דערצו האָבן די סביבה (נאַטור), מענטשן און פערזענלעכקייט צווישן וועמען ער איז אויסגעוואַקסן.

געבוירן אין זוויהיל (נאָוואָגראַד וואָלינסק) אין אָקטאָבער 1876 (חשון, תרל"ז). דאָס איז געווען א שיינע, מאָדערנע שטאָט מיט שטאָט־גאָרטנס, סאָסנע־וועלדער און א גרויסער רחבותדיקער טייך (סלוטש). אויך שולן און בתי־מדרשים זענען געווען ליכטיק און זויבער און פול מיט לומדים. זעצער אליין שרייבט וועגן דעם: אלץ וואָס איך האָב „איינגעקויפט" אין מיינע יינגע יאָרן, אַלץ וואָס כ'האָב דעמאָלט באהאלטן צווישן מיינע אוצרות, לעבט אין מיין הארצן. נישט איינמאָל דאכט זיך מיר, אז דאָס אלץ בין איך. ווי מיט א צויבער־שטעקן ווערט נעלם מיין קעגנוואַרט און כ'געפין זיך אין רוייקן געבענטשטן ווינקל פון מיינע קינדער־יאָרן".

און ווירקלעך, זיין פּאַטערס הויז איז געווען גרויס, רחבותדיק און ליכטיק להבדיל פון „חפני בעל־דמיונס״ הויז פון פייערבערג, וואָס איז געווען פינצטער, אָרעם און א מקור פון שרעק. אויך אין זיין רבינס חדר, ר׳ משהלע, האָבן שדים און רוחות און מכשפים נישט געהאַט קיין דריסת־רגל. די ספרים אין טאַלנער שול, ווו זיין פּאָטער האָט געדאַוונט זענען געווען אינגאַנצן פאַרשריבן מיט זיין האַנטשריפט, „פּירוש־זעצער״, וואָס האָט מחיה געווען אלע מתפללים. מען דאַרף געדענקען, אז טאַלנער חסידים האָבן געשמט אלס די אריסטאָקראַטן פון אלע חסידים און זעצער איז געווען אויסגעמישט מיט חסידים פון ר׳ דודל טאַלנערס הויף, וואָס האָבן נאָך געדענקט זיין פּאָטער ר׳ מאָטעלע פון טשערנאָבל. די טאַלנער חסידים זענען געווען קעגן עצבות און געווען פול מיט לעבנספרייד, און דאָס האָט אים זייער געצויגן. זעצער איז דערנאָך געוואָרן איינער פון די גרעסטע חסידות־ און קבלה־פאָרשער.

✡

די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין יאָרן תרמ״א—תרמ״ב, די פּאַמפלעטן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ דעמאָלט, וואָס האָבן באַרעכטיקט פּאָגראָמען אויף יידן „יידיש בלוט וועט דינען אלס אייל אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע״, פינסקערס „אויטאָעמאַנציפּאַציע״ און די חיבת ציון באַוועגונג — האָבן אויף אים, אלס יינגל, געהאַט א גרויסע השפּעה: ס׳טייטש, ס׳א גזירה פון הימל, אז יידן זאָלן שטענדיק זיין די קרבנות, דאָס כפּרה־הינדל פון די גויים? ער האָט אָנגעהויבן לערנען פרעמדע שפּראַכן, לייענען פרעמדע ליטעראַטור, פון שרייבער און פילאָזאָפן, דעקאַרט, שפּינאָזאָ, קאַנט, שייקספּיר, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי א. אַז. וו.. — וואָס זאָגן זיי?

זעצער איז פון זיי נישט מבוטל געוואָרן ביי זיך. געפונען פעלערן אויך אין זייער געדאַנקען־גאַנג. אָבער ער האָט געלערנט א סך, אזוי אַלע זיינע יאָרן.

אלט זייענדיק 86 יאָר, אנדערטהאלבן יאָר פאַר זיין טויט, שרייבט ער צו זיינעם א פריינט אין אמעריקע, עולה־זייענדיק קיין ישראל: „...דערגרייכנדיק מיין ציל, וועל איך זיך פילן גליקלעך. כ׳וועל זיך ווידמען צו תורה און אַרבעט און לערנען, לערנען און לערנען. שוין פון לאַנג, אז איך האָב נישט געהאַט אזא דורשט צו לערנען״.

גרויסע דערגרייכונגען אין ליטעראַטור, אין וויסנשאַפטלעכע, היסטאָרישע און פילאָזאָפישע פאָרשונגען האָט ער אָפּגעהאַלטן אין די 52 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין אמעריקע (1911—63). ער האָט פאַרעפנטלעכט צענדליקער ביכער, וואָס האָבן באַרייכערט און פּראָקלאַמירט יודאַאיזם צווישן די יידישע מאַסן, בפרט אַרבעטער און בעלי־מלאכה. זיינע ביכער „געשטאַלטן פון דער יידישער געשיכטע פון גלות בבל ביז די חשמונאים״, אַ פאַרנעפּלטע צייט אין אונדזער געשיכטע, באַלייכטן מערקווירדיק די דאָזיקע צייט; זיינע ביכער וועגן חסידות, בעל שם טוב, ר׳ נחמן ברעסלאָווער, וועגן אנטשטיין פון קריסטנטום, זיינע איבערזעצונג אין יידיש פון מדרש רבה און אויסדערוויילטע קאַפּיטלען פון זהר — זענען אוצרות אין דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור (ער האָט געשריבן אין ביידע שפּראַכן).

אָפּשטייגנדיק אויף דער הייליקער ישראל־ערד האָט ער גערעדט ווי צו זיך:

„דאָס בין איך, ש. צ. זעצער, וואָס נאָר מיט א חודש צוריק בין איך געווען א חולה מסוכן און א קאַנדידאַט אויף יענער וועלט? דער רבש״ע האָט מיך בכיוון געבראַכט קיין מדינת ישראל, כ׳זאָל דאָ אויסהויכן מיין אָטעם פון גרויס חרטה, וואָס אַזויפיל יאָרן האָב איך געלעבט אין דער פרעמד; כדי דאָ זאָל פּלאַצן מיין גאַל פון גרויס קנאה אויפן יידישן שיינעם לעבן און גרויסער אָריגינעלער שאַפונג, וואָס שפּראָצט פון אַלע לעבנס־שטחים — און וואָס איז דיין חלק אין דעם אַלעמען, זעצער, א? א שאָד. אַ גרויסער שאָד!״

געשטאָרבן איז ער אין עלטער פון 87 יאָר. איבער געלאָזן זיין גרויסע, רייכע ביבליאָטעק, צווישן אנדערע טייערע ביכער און כתבי־יד יקרי ־ המציאות פאַר דער „פּייערבערג־ביבליאָטעק״ אין חולון, וואָס ער איז געווען צווישן אירע גרינדער.

# א יזכור־ספר פון שומסקער קהילה

א. אבטיחי

די טעג איז דערשינען אַ יזכור־ספר פון שומסקער קהילה, רעדאַקטירט פון ח י י ם ר ב י ן. דער קאָמיטעט פו שומסקער עולים אין ישראל איז געווען געצווונגען אָפּלייגן דעם אָוונט לכבוד דער געשעעניש צוליב די טרויער־טעג פון א טוערין פון פאַרבאַנד (דערווייל איז דער אָוונט שוין פאַרגעקומען — רעד.).

דאָס בוך אַנטהאַלט אַ 500 זייטן. קאָנצענטרירטער מאַטעריאַל, גרופּן בילדער און נאָסטאַלגישע וועלכע „מאַכן שטימונג". דאָס בוך איז פאַרטיילט אין אָפּטיילונגען וואָס דער בולטסטער פון זיי אין כמות איז די אָפּטיילונג ווענגן אומקום פון דער קהילה. דאָס קינסטלערישע שער־בלאַט דינט אַלס פּאַסיקן אַריינפיר און סימבאָל פון ערנסטן, טרויעריקן אינהאַלט.

אין אַ שמועס מיטן רעדאַקטאָר זיינען מיר באַאיינדרוקט געוואָרן פון נייעם צוגאַנג פון דער רעדאַקציע צו אַזאַ אַרט בוך. ס'איז נישט קיין בוך וואָס שטורעמט מיט צאָרן, נקמה און קללות. אַלס דאָקומענטאַר בוך, וואָס זיין הויפּטווערט איז אין ברענגען אויטענטישע עדות, מאַטעריאַל פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט פאַר דער געשיכטע און פאַר דער מענטשהייט — האָט דער רעדאַקטאָר אויפגעפּאַסט אַז די עדות זאָלן עדות זאָגן און די ריכטער זאָלן משפטן: אַנ'ער נאָמינירט זיך נישט אַליין אַלס שופט.

אין בוך איז בולט דער חלק פון דער פּרווי אין געזעלשאַפטלעכער אויספאָרמען פון שומסקער קהילה וואָס איז חרוב געוואָרן. זייענדיק אַ פאַקטאָר פון באַרייכערן די ווערטן פון פּרט ווי אויך איר אַנטייל אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ און אויפשטאַנד אין געטאָ, און נאָכדעם. קינסטלעריש איז עס געקומען צום אויסדרוק מיט דער געשטאַלט פון דער ליכט־בענטשערן אויפן צווייטן שער פון בוך.

ס'זיינען נישט אָנגעגעבן די נעמען פון די אַרויסגעבער פון בוך און ס'זענען אויך נישט געבראַכט געוואָרן פאַרטרעטן פון יחידים, אויסער פון די געראַטעוועטע פון גרויסן אומגליק, וועלכע האָבן אַנטייל גענומען אין בוך. דאָס כדי פאַרשטעלן דאָס אייגנאַרטיקע געשטאַלט וואָס האָט זיך אויסגעשיילט פון דער קאַטאַסטראָפע און צוליב דער פשוטער קאָנקרעטער נויטווענדיקייט פאַרשטעלן זיי פאַר זייערע שומסקער שוועסטער און ברידער. ברידער פון שטאָט, ליידן און פאַרגאַנגענהייט.

פיין און ערנסט רעדאַקטירט און דינט וווּנדערבאַר דעם ענין און געשיכטע פון וואָלינער חרובע קהילות און זייערע קדושים.

אין טיפן טרויער בויגן מיר אונדזערע קעפּ אויפן
פרישן קבר פון אונדזער אומשטערבליכן חבר

**אריה אבטיחי ז"ל**

פעדעראַציע פון וואָלינער יידן
אין אַרגענטינע

נ. ליבנה

# אַ ניי בוך פון אַ ווילנער פאָרשער

יעקב בן־אמתי (אין לוצק: גאָלאָמב) פון די „אַלטע" אַדוואָקאַטן אין (ארץ) ישראל איז נישט קיין פנים חדשות אין פאָרשונגס־פעלד



פון שטאַט־פּראָבלעמען. זיין ווערק „די אַלגעמיינע שטאַטלערע" אין צוויי בענדער איז דערשינען נאָך אין 1935 („תקופה"־אויסגאַבע). זינט דעמאָלט איז רייף געוואָרן דער מאַן אַלס דענקער און פאָרשער פון געשיכטע פון שטאַט־געדאַנקען אין דער וועלט און אויך אַלס שרייבער און זיין ניי בוך*) ערשטער פון דריי בענדער, וואָס זיינען נישט דווקא אָנגעבונדן איינער צום צווייטן (צווייטער באַנד, די לערע פון רעזשים איז שוין אין דרוק; דריטער באַנד — אינטערנאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן) איז אַן ערנסטע פאָרשונג־שריפט וועגן אַנטוויקלונג און וווּקס פון שטאַט־געדאַנק, אין דער וועלט פון אָנהויב־אָן ביז היינט צו טאָג.

דער שטאַטלעכער געדאַנק איז געבוירן געוואָרן נאָך אין אַמאָליקע פאַרשידענע צייטן און אין פאַרשידענע וועלט־טיילן און ער איז דער אָנזאָגער פון אַן איינגעאָרדנט שטאַט־לעבן און איר וועג־ווייזער. אַלס מענטשלעכער געדאַנק, וואָס איז אומגעהויער וויכטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטשהייט און איר איינטיילונג אין פעלקער און מדינות, האָט ער אַדורכגעמאַכט אַ סך פאַרשידענע גילגולים ביז ער איז דערגאַנגען צו וואָס ער איז דערגאַנגען. ווי באַוווּסט זיינען געווען גילגולים באַגלייט נישט איינמאָל מיט טייכן פייער און בלוט, ווייל כמעט יעדער גרויסער שטאַטלעכער געדאַנק וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן טאַטזעכלעך ביז ווערן מאַכט און רעזשים האָט גורם געווען צו שפיכות־דמים, סיי דאָס איז געווען רעליגיע, אידעאָלאָגיע, לערע פון מאַכט און רעזשים און יעדער אַנדערער שטאַטלעכער געדאַנק.

וויכטיקע איבערגאַנגס־פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון אַנטוויקלונג פון שטאַטלעכן געדאַנק זענען געוויס געווען ס'צעברעקלען זיך פון קנעכטשאַפט־רעזשים און די ענדערונגען אין שטאַטלעכן געדאַנק אַ דאַנק דעם; דאָס אָפּשוואַכן פון רעליגיעזן פאַקטאָר אין אָנפירן די מדינה ענינים; דאָס צעברעקלען זיך פון די פעאָדאַלע רעזשימען אין די פאַרשידענע רעוואָלוציעס און, אין דער לעצטער צייט, דאָס געבוירן ווערן פון מאַרקסיזם, פאַשיזם און נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אויף דער וועלט. אָבער נישט נאָר זיי האָבן געלייגט זייער סטעמפּל אויף דער אַנטוויקלונג פון שטאַטלעכן געדאַנק. הונדערטער און טויזנטער שטאַטלער, דענקער און פילאָזאָפן אין אַלע צייטן און דורות האָבן געלערנט דער מענטשהייט דעם אופן פון געדאַנקען גאַנג, האָבן איר אַריינגעפירט אין זייער סוד און אויסגעקלערט פאַר איר געדאַנקען, פון זיי אייביק־עקזיסטירנדע וואָס ס'ניט לייכט זיך אָפּשטעלן דאָ אויף זיי, און אויף די „לייבן" פון זיי. אויך צוליב דעם ווייל לײדער איז דאָ ווייניק פּלאַץ אין

* יעקב־בן־אמתי: פרקים בתולדות הרעיון המדיני, הוצ' „מסדה" 1967, 252 עמ', עם רשימות ביבלוגרפיות ומפתח שמות ומונחים.

אונדזער ילקוט פאַר אויספירלעכער קריטיק, וואָס דאָס בוך איז געוויס ראוי דערצו, נאָר בלויז פאַר איבערבליק.

דער שטאַטלעכער געדאַנק איז געקומען אויף דער וועלט מיטן צעברעקלען זיך פון דער אוראַלטער געזעלשאַפט און מיטן שאַפן זיך פון העכערע קולטורן, ווי ס׳דרוקט זיך אויס דער אויטאָר, און ווירקלעך, ער הויבט אָן זיין פאָרשונג פון דאַמאָלס־אָן. פאַרשטייט זיך וועגן די אָריענטאַלישע פעלקער, דעם ווייטן אָריענט און דרום־אַזיע, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט פאַר אַלע אַנדערע פעלקער און קריסטאַליזירט זייער איינגעאָרדנט לעבן, דער קאָנפוציאָניזם, בראַהאַמיניזם־בודהיזם, די טעאָקאַרטיע אין עגיפּטן, די שומערן, כנענער און אַנדערע — האָבן געוויס „פאַררעכט״. דאַכט זיך אַז אויך ישראל שטייט נישט אָפּ קיין סך פון אַנדערע אויף דעם געביט.

דאַכט זיך, אַ בוך, וואָס עטלעכע אַזעלכע ביכער זענען אויך דאָ אין עברית און אַ סך אין אַנדערע שפּראַכן. אָבער ווען דו הויבסט אָן בלעטערן און זיך פאַרטיפן — באַלד הויבסטו אָן פאַרשטיין זאַכן וואָס פירן דער מענטשהייט זינט זי האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין אַ געזעלשאַפטלעך לעבן, זאַכן וואָס נישט שטענדיק געפינען מיר צייט זיך אַריינטראַכטן וועגן זיי און ס׳שאַדט נישט זיך מער פאַרטיפן אין זיי. רעליגיע, מאַכט, שטאַטלעכע געדאַנקען, אידעאָלאָגיעס, תורות און א. וו. גייען פאַר דיר אַ דורך ווי אַ דעפילאַדע. דו זעסט ווי ס׳פאַלן רעזשימען, אָנפירערשאַפטן און מאַכטן. ווי ס׳ווערן צונישט געדאַנקען, וואָס האָבן באַהערשט מדינות, ווי זיי ווערן אויסגעוועבט; ווי אַזוי איין געדאַנק איז געבונדן אין צווייטן, ווי אַזוי זיי צעברעקלען זיך און שלינגען איין איינער דעם צווייטן א. א. וו. — ממש ווי מענטש וואָס ראַנגלען זיך צווישן זיך. ווי פעלקער וואָס קעמפן איינער מיטן אַנדערן, אַזוי אין פאַרשידענע עקן וועלט, ווייט איינער פון צווייטן, אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן.

✡

דער אופן שרייבן וועגן דענקער, שטראָמען, אַסקאָלעס און פאַרשידענע שטאַטלעכע געדאַנקען איז באַלערנט און צוציענד, מיטן קלאָרן סטיל און זאַכלעכקייט טראָץ (און אפשר ווייל?) דער נויטווענדיקער קורצקייט, ווייל דער אויטאָר גיט זיין בוך אַ כאַראַקטער פון אַ לערנבוך פאַר סטודענטן, גימנאַזיסטן און פאַרן פאָלק ווי נאָר מעגלעך — מיט הצלחה, אפילו ווען נישט דאָס האָט ער געמיינט. און אפילו ס׳איז נישט ס׳איינציקע בוך פון דעם מין אין עברית ווי דער פאַרלאַג אָדער מחבר ווילן האָבן, אָן שום ספק אַז ס׳איז דאָס בעסטע בוך אויף דעם געביט ביי אונדז, ווייל ער נעמט אַרום אַלע צייטן, פון אַ מאָל ביז היינט. און ווען ס׳וועט קומען די צייט פון רעפאָרמע אויך אין די מיטל־שולן נאָך דער רעפאָרמע אין די פאָלקס־שולן אין ישראל, כדי צו דערנענטערן מער די גימנאַזיסטן צום אָנהויב פון זייער הויך־בילדונג כדי אויפצוהויבן דעם ניוואָ אין די מיטל־שולן — און נישטאָ קיין בעסער בוך אויף דעם געביט פאַר די שילער פון 12־טן לערן־יאָר.

וואָס ס׳וווּנדערט מיר אין בוך, וואָס צווישן די איבעריקע שטאַטלעכע געדאַנקען וואָס האָבן „באַפעלקערט אונדזער וועלט״ און האָבן אויסגעקריסטאַליזירט זיין פּרצוף אין די לעצטע צייטן, פעלט דאָס קאַפּיטל, באַלערנד נישט נאָר פאַר אונדז, וועגן געדאַנק פון שיבת־ציון, ציוניזם און זיינע אידעאָלאָגן. דאָס צוריקקערן זיך פון אַ פאָלק אין זיין לאַנד נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות און נאָך אויסהרגענען אים אָן אַ סוף, איז אַ גרויסע פּאָליטיש־היסטאָרישע וועלט־געשעעניש און הערצל און נאָרדוי און אַנד. זיינען ראוי דערמאָנט צו ווערן מיט אַלע אַנדערע גרויסע גייסטער און דענקער פון שטאַטלעכע געדאַנקען אין 19־טן און 20־טן יאָרהונדערטער. דאָס וואָלט געדאַרפט געפינען אַ תיקון אין דער צווייטער אויסגאַבע פון בוך און נישט אין איינעם פון די צוויי קומענדיקע בענדער, ווייל דאָס בוך איז דאָך געווידמעט, קודם כל, פאַרן העברעאישן שילער און לייענער.

# מעצעגאַטן

## א. סטיפּענדיעס־פאָנד טשעקווער

**א. אבטיחי**

### (נעבן וואָלינער פאַרבאַנד)

סוף 1967 זיינען מיר אָנגעזאָגט געוואָרן וועגן גרינדן פון סטיפּענדיעס־פאָנד פון פרוי און ה׳ טשעקווער.

שוין 7 יאָר אַז ס׳וווינט אין ישראל אַ באַשיידענער, טייערער מענטש, אַ וואָלינער, לעאָ טשעקווער. אַ נחבא אל הכלים. אַ „נסתר״.



אַ מענטש מיט אַ פילבאַר האַרץ און געבענטשטע מעשים, וואָס זענען ראוי צו אַ באַזונדערער אָפּשאַצונג.

ער איז געקומען צו אונדז פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, נאָך דעם ווי ער האָט דאָרט געוווינט אַ פערציק יאָר. ער האָט פאַרציכטעט אויף גלאַנץ און באַקוועמלעכקייטן, לוקסוס, און צוזאַמען מיט זיין איידעלער פרוי, טאַניאַ, האָבן זיי אויפגעעפנט אַ ניי לעבנסבלאַט אין ישראל. ס׳דאָ אין דעם אופן גיין קיין ישראל פונעם אידעאַלן חלוציזם און פונעם פאַרווירקלעכן הלכה למעשה, וואָס אונדז דאָ זיינען זיי אַזוי באַקאַנט פון די ערשטע עליות, און מיר זענען אַזוי שטאָלץ מיט זיי.

געבוירן אין שטעטל טשודנאָוו־וואָלינסק, הויכע בילדונג און אָנגעזען אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע, דאָרט מיטגעאַרבעט אין יידישע אַנשטאַלטן און נאַציאָנאַלער אַרבעט פאַר ישראל, האָט ער שנעל זוכה געווען צו כבוד און פאַרערונג. דאָרט, ווי דאָ. ספּעציעל צווישן וואָלינער יידן (אַ 20.000 אין ישראל, כן ירבו), ווו ער איז באַקאַנט אַלס זייער „נדיב ידוע״. מיט לייב און לעבן. מאַטעריעל און גייסטיק. אַ וועג־ווייזער פּשוטו כמשמעו. מיט ווונדערבאַרע אייגנשאַפטן וואָס באַגלייטן אים אויף זיין גאַנץ לעבנס־וועג און אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אַלע יאָרן, אָן אויפהער, ביז צו שטוינען.

לעאָ טשעקווער געהער צו די אנשי מעשה, זייענדיק גלייכצייטיק אַ מענטש מיט אַ פעדער אין האַנט, מיט אַ שאַרפן געדאַנקען־גאַנג. אַן אידעאַליסט און אַ מתמיד, האָט ער עפּעס באַשלאָסן — וועט ער נישט רוען ביז ער וועט אַלץ אויספירן בשלמות. אַלע יאָרן האָט ער זיך אַליין באַרעכטיקט מיט זיין הילף פאַר בויען דאָס לאַנד און מיט זיין צייט און געלט פאַר אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט ציוניזם.

זיין פרוי טאַניאַ באַגלייט אים און נעמט אָנטייל אין אַלע זיינע מעשים טובים. באַטייליגט זיך אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, האָבן געגרינדעט אַ קולטור־פאָנד און קומענדיק קיין ישראל האָבן זיי געפלאַנצט אַ וואַלד צום אָנדענק פון זיין זעליגן ברודער; שפּענדן פאַרן העברעאישן אוניווערזיטעט, אַמבולאַנסן פאַר „מגן דוד״, זאָרגן פאַרן איינאָרדענען זיך פון נייע עולים א. א. וו.

געטריי זייער וועג, האָבן די טשעקווערס צוגעלייגט אַ ברייטע האַנט אופצובויען דעם היכל וואָלין לזכר די חרוב געוואָרענע וואָלינער קהילות און אומגעקומענע וואָלינער יידן. גרינדן די ביבליאָטעק אינעם היכל און באַגלייטן אים אין זיין אויפבוי (ה׳ טשעקווער

איז אויך פון די אָנפירער פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד).

און לעצטנס האָבן די טשעקווערס פּראָקלאַמירט דאָס גרינדן דורך זיי אַ סטיפּענדיעס־פאָנד פאַר שילער און סטודענטן כדי אַרויסהעלפן אין נויט און באַדערפעניש, מונטערן און טרייסטן אויך גייסטיק און מיט עצות און ווייסן — אַלץ כדי עס זאָל זיך מערן תורה אין ישראל.

דאָס גרינדן דעם פאָנד ווייזט אויפן גרויסן אינטערעס פון די מעצענאַטן פאַר דערציאונג און בילדונג פון יונגן דור אין ישראל. דער סטיפּענדיעס־פאָנד, צוערשט 50 טויזנט דאָלאַר, וואָס די פּרוכט וועט צעטיילט ווערן לויט דעם באַשלוס פון די גרינדער מיט מענטשן פון וואָלינער פאַרבאַנד.

ווער עס קומט נישט אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט ה׳ טשעקווער און אַרבעט נישט מיט אים איז ניט מסוגל אָפּשאַצן זיין אַריסטאָקראַטישן גייסט און צוגאַנג צו יעדער אַקציע, וואָס איז אים טייער. און אַלץ — אָן גרויסהאַלטעריי און זייער באַשיידן. ווי האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים, ז״ל ? „ווער ס׳אַנטלויפט פון כבוד — דעם לויפט דער כבוד נאָך״.

# ב. נחום־זאב וויליאַמס

זוך — און דו וועסט אַלץ אין אים געפינען, אין נחום זאב וויליאַמס: מעשים טובים, למדנות, אַ יידיש האַרץ, חכמה און דרך־ארץ. געלערנט תורה פון זיין יוגנט אָן און איז ממשיך לערנען ביז היינט צו טאָג. ער האָט נישט געמאַכט פון זיין תורה אַ גראַבאייזן און פון זיין חכמה — רעקלאַמע פאַר זיך אַליין. הערלעך און באַשיידן איז דער מענטש, אַ תלמיד־חכם און אַן ענוו. און וואָס שייך זיין ברייטער האַנט — וועגן דעם דערציילט מען ביי לייטן, וואָס קענען זיך נישט אָפּלויבן פון אים: נחום זאב פאַרמאָגט אַ הייס יידיש האַרץ, וואָס איז שטענדיק וואַך אויף די באַדערפענישן פון „עמך ישראל״. ווייל אַ גרויסער אוהב ישראל איז ער. דער טאַטע פון תלמידי חכמים און סתם נצרכים, און דאָס שטיצן תורה־אַנשטאַלטן איז ביי אים אַ מעשה פון טאָג־איין, טאָג־אויס. דערפאַר זאָרגט אַ ספּעציעלער פאָנד וואָס ער האָט געגרינדעט צו דעם צוועק.

אין אונדזער פאַרקערטן דור זענען דאָ ווייניק מעצענאַטן וואָס היטן אָפּ מצוות און לערנען אַ בלאַט גמרא און זאָרגן פאַר תורה־לערנער. די מאָדערנע צייט האָט איינגעשלונגען די מערהייט יידישע מוחות, וואָס פאַסן, מערסטנטייל, אויף פרעמדע פעלדער. אויך אין ישראל איז ווייט צו געפינען יידן למדנים און מוקירי־רבנן ממש, ווי נחום זאב וויליאַמס.

ס׳שטענדיק דאָ אַ צוזאַמענהאַנג צווישן זיין לומדות און זיינע פאַרצווייגטע געשעפטן. איז מקיים די מצווה פון ישוב הארץ זינט ער האָט זיך באַזעצט אין ירושלים, און ווען ער פאָרט אַמאָל ארויס, געשעפטלעך, קיין אויסלאַנד, קומט ער צולויפן צוריק וואָס שנעלער. זיין האָבי איז ביכער זאַמלונג און חכמים זענען



אַריינגייער אין זיין הויז. אויף מתן בסתר האָט ער אַ ספּעציעלן בודזשעט, אָבער וועגן אַזעלכע זאַכן רעדט ער נישט.

✡

געבוירן אין ח׳ שבט תרמ״ו — יאַנואַר 1886 אין אוקראַאינישן שטעטל קאָרנין און געוואַקסן אין שטעטל טשערעשני נעבן ריזשין־באַרדיטשעוו. ווען ער איז געוואָרן בר־מצווה איז ער געפאָרן לערנען אין באַרדיטשעווער ישיבה, ווו

ער האָט געלערנט אַריבער פיר יאָר. געלערנט, געוויינלעך, גמרא און פוסקים, השכלה איז געוועזן שטרענג פאַרבאָטן, ווי באַוווּסט, אָבער וויליאַמס, דער חריף־ובקיא האָט שוין געפונען אַ וועג צו גימנאַזיסטן און סטודענטן אין באַרדיטשעוו, און געלערנט טאָג און נאַכט. סלאָנימסקיס בוך וועגן אַסטראָנאָמיע („די זון") האָט געהאַט אויף אים אַ ווירקונג און צוזאַמען מיט עטלעכע סטודענטן האָט ער אָנגעהויבן פאָרשן די שטערן און ווירקלעך, זיין ליבע צו אַסטראָנאָמיע האָט אים נישט פאַרלאָזן ביז היינט.

אין עלטער פון 17 יאָר איז ער געפאָרן קיין לאָנדאָן און געלערנט מסכת חולין ביי הרב לייזעראָוויטש, וואָס האָט אים אויך געלערנט הלכות שחיטה. ווען ער איז געקומען אין שחיטה־הויז און געזען ווי מען בינדט אַן אָקס צו דער שחיטה, האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן און אויפגעגעבן דעם געדאַנק פון זיין אַ שוחט. פינף יאָר איז ער געווען אַ וועגעטאַריאַנער ביז ער האָט חתונה געהאַט.

ער האָט חתונה געהאַט מיט פאַניא (פרימאָס) קוטשינסקי, אַ באַוווּסטע פאַמיליע אין לאָנדאָן, און געבוירן פיר טעכטער (גיטל, פרידא, שרה־מרים (מיידי) און מנוחה־מינדל (מאַניקאַ). ווען ס'געבוירן געוואָרן זיין עלטערע טאָכטער איז ער געגאַנגען קויפן ארץ ישראל וויין צו דער סעודה מצווה, אָבער אין גאַנץ לאָנדאָן האָט ער נישט געפונען, ביז ער איז געקומען צום אַגענט פון ראשון־לציון וויינקעלערס, ווו מ'האָט אים דערציילט אַז יידן קויפן ארץ ישראל וויין בלויז אויף פסח. וויליאַמס האָט דעמאָלס געקויפט אַ גאַנצן גאַלאָן וויין, ווייל מ'האָט נאָך נישט אָנגעפולט די פלעשער. די זאַך האָט אים פאַרדראָסן, ער האָט משפיע געווען אויף דער אַגענטור — און זיי האָבן פאַרקויפט אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן אַריבער 100 גאַלאָן ארץ ישראל וויין (אין יאָרן אַרום האָט ער געגרינדעט די וויין געזעלשאַפט אליעז אין בנימינה).

וויליאַמס האָט געוואָלט עולה זיין מיט זיין פאַמיליע קיין ארץ ישראל, אָבער זיין שוויגער איז געווען קעגן דעם. ער איז דעריבער אַריבערגעפאָרן צייטווייליק קיין דייטשלאַנד, ווו ער האָט געפירט געשעפטן. מיט זיין געזונטן אינסטינקט האָט ער געשפירט די נייע ווינטן וואָס הויבן דאָרט אָן בלאָזן, אַז זיי זענען נישט לטובת יידן. איינמאָל, יום־כפור, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיין אַדוואָקאַט ה' פיליפסאָן פון שול אין מאַקלבורג האָבן זיי געפונען פאַמפלעטן אויף דער גאַס ווו דער „יודע" איז גערופן געוואָרן „גייען נאָך פאַלעסטינא".

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער פאַרלאָזן דייטשלאַנד און צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן. דערנאָך, אין 1933 איז ער אַליין געקומען קיין ארץ ישראל, זוכן דאָרט זיין ברודער משה־בער, לײדער האָט ער אים דאָרט נישט געפונען, ווייל מיט איין טאָג פריער האָט זיין ברודער עמיגרירט קיין אַמעריקע. וויליאַמס האָט אויסגעקוקט דאָס לאַנד, זיך פאַראינטערעסירט אין „ביזנעס", און געפונען פאַר זיך אַ ברייט אַרבעטס־פעלד. זיינע געשעפטן האָבן זיך געפירט אין לאָנדאָן. ער האָט האָט געהאָלפן זיין פריינט פיליפסאָן און אַנדערע דייטשע יידן אַריבערפירן זייער קאַפּיטאַל קיין לאָנדאָן באַצייטנס. און אַ דאַנק אים זיינען זיי נוצל געוואָרן.

זינט 1944 איז ער אַ ישראלדיקער תושב און פירט אָן זיינע געשעפטן אין ישראל און אין ענגלאַנד מיט דער הילף פון זיינע איידעמס.

אַלס מעצענאַט האָט וויליאַמס צווישן אַנדערע אויך אויפגעבויט דעם פּלאַנעטאַריום אין העבּרעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים נישט פאַרגעסנדיק זיין אַמאָליקע נייגונג צו אַסטראָנאָמיע. אויפגעבויט און האַלט אַ קינדער־הויז (אַריבער 100 קינדער) אויפן נאָמען פון זיין זעליקער פרוי, פאַני, אונטער דער אויפזיכט פון נשי המזרחי; געגרינדעט דעם וויליאַמס־פאַנד וואָס שטיצט תורה־אַנשטאַלטן און לערנער. לעצטנס האָט ער געשפּענדעט אַ באַדייטנדע סומע לטובת דעם היכל וואָלין, פילנדיק אַ טיפע באַדערפעניש, אַלס וואָלינער ייד, פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע וואָלינער קדושים.

# געשטאלטן

ניסן פירער

## שאול זשיטין

געבוירן אין לוצק. זיין פאָטער יאָסל זשיטין (מוטער: שרה) אַן אייניקל פון חיים יוסף נאדלער, אַן אייגנטימער פון אַ מיל. אַ אַליקער חסיד און אַ וויכטיקער כלל־טוער אין דער לוצקער קהילה. מיטן אָנקומען פון די סאָוויעטן אין לוצק איז די פאמיליע זשיטין פארשיקט געוואָרן קיין לעמבערג, וווּ זיי זענען



שפּעטער אומגעקומען אין געטאָ. שאול (סוניק) איז געווען דער יינגסטער אין דער משפּחה. אין 1939 איז ער עולה געווען קיין ישראל. אלס סטודענט אין חיפהער פּאָליטעכניקום. נאָך אים האָט געוואָלט נאָכקומען די גאנצע פאמיליע, אָבער לײדער איז עס נישט פארווירקלעכט געוואָרן. שאול זשיטין — אַ יינגער אידעאַליסט, ענדיקט מיט אויסצייכענונג אינזשיניער. אין לאַנד איז אומרויק. די צווייטע וועלט־קריג אין פולן ברען. אויפן רוף פון די יידישע אנשטאלטן אין לאנד מאָביליזירט ער זיך אין דער ענגלישער ארמיי. אין דער יידישער בריגאדע. גייט אדורך איטאליע, האָלאנד, פראנקרייך און אזוי צוויי יאָר צייט. עס באגלייט אים דער ווילן נקמה נעמען פאר זיין משפחה און מיליאָנען אומגעקומענע יידן.

צוריקקערנדיק זיך באזעצט ער זיך אין חיפה. דער ווייטיק נאָך זיין טראגיש אומגעקומענער משפחה און חברים לאָזט אים נישט אָפּ. אין איינע פון זיינע בריוו צו מיר פון 4.1.1945 שרייבט ער: „איך גיי ארום פאריתומט און פארטרויערט פון חורבן און באוויין מיין שטאָט לוצק. אַ יינגל, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן פון לוצקער געטאָ דערציילט, אז די געטאָ איז געווען פארשלאָסן ארום און ארום. די, וואָס האָבן געפּרוּווט ארויסגיין זוכן עפּעס עסן, האָבן באַצאָלט מיר זייער לעבן. שווערע באַדינגונגען האָבן דאָרט געהערשט, וואָס ס׳איז שווער צו באַשרייבן. פון אָנהויב אויגוסט 1942, פלעגן ארייַנפאָרן אין געטאָ מאשינען מיט נאציס און ארויסהרגענען מענטשן אין די טויזנטער. אַ לוצקער ייד, וואָס איז אנטלאָפן קיין רוסלאַנד דערציילט, אז קומענדיק נאָכן קריג אין לוצק האָט ער געפונען 9 יידן פון אַ באפעלקערונג פון 22 טויזנט.

דאָס זעלבע בילד שפּילט זיך אָפּ אין די ארומיקע שטעט, ווי ראָוונע, קאָוועל א. אַנד. ס׳שווער זיך צוגעווינען צום געדאַנק, אז אזוינס האָט פּאסירט און איך וועל מער קיינמאָל נישט זען מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער. איך פּרוּוו פארגעסן מיין ווייטיק, אָפּגעבנדיק זיך צו טעטיקער ארבעט פארן לאַנד און געפינען אין דעם אַ טרייסט. אָבער ס׳איז נישט לייכט. איך לעכץ נאָך נקמה״...

באפרייענדיק זיך פון מיליטער, הויבט ער אָן ארבעטן אין די באַנען־אָפּטיילונג אין חיפה אלס אינזשיניער און נאכהער אין ראַפינעריעס פון נאַפט אין חיפה.

ער האָט געהאָפט בויען זיין לעבן אין ישראל און נישט זוכה געווען. די קריג פאר באפרייאונג און זעלבשטענדיקייט איז אין פולן ברען און דעם 13.12.47 קומט דאָס אומגליק פון אויפרייס אין די ראַפינעריעס פון חיפה. 39 יידישע קרבנות און צווישן זיי שאול זשיטין. ער איז באערדיקט מיט די אנדערע קדושים אויפן בית הקברות אין חיפה.

משה שמואלי

# אליה שדה לבן

הערלעך. באַשיידן. האַרציק. קיינמאָל נישט פאַררייסן הויך דעם קאָפּ. קיינמאָל נישט געלאָפן כדי „אַריינצוכאַפּן“. פשוט, סאָליד איז ער גע־גאַנגען זיין וועג, באַגלייט פון יושר און גע־וויסן.

געבוירן אין זוויהיל (נאָוואָגראַד וואָלינסק). אַ זון און אַן אייניקל פון דורות רבנים, גרויסע אין תורה און יחוס. פון פאָטערס זייט און



פון מוטערס זייט. זיין זיידע הרב ר׳ משה־שמואל שדה־לבן, אב־בית־דין פון זוויהיל און אומגעגנט איז געווען פון די גדולי הפוס־קים אין זיין דור און רבנים פון רוסלאַנד און פוילן האָבן זיך איבערגעשריבן מיט אים — שאלות ותשובות. זיין פאָטער ר׳ גרשון יואל איז געזעסן נאָך אים אויפן כסא־רבנות, נאָר אליהו, זון און אייניקל, האָט געהערט צום יינגן דור, וואָס האָט געבראָכן גרענעצן פון מסורת און פאַרכאַפּט געוואָרן פון השכלה, שוין זייענדיק אַ יינגל, אַ בר־אוריין.

ער האָט זיך געווענדעט צו אַלגעמיינער און העברעאישער השכלה. אין יענער צייט איז גרויס געווען אויף דער זוויהילער יוגנט די השפעה פון מ. ז. פייערבערג, ש. צ. זעצער און ד״ר י. י. וואָהל. ס׳האָבן זיך געגרינדעט ציוניסטישע און קולטורעל־ליטעראַרישע קרייזן. מ׳האָט געלערנט העברעאיש און העב־רעאישע ליטעראַטור. אליהו (יאה) שדה לבן איז געווען דער הויפּט־לערער אין די מער־הייט קרייזן. דער באַרימטער פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער ד״ר יעקב לוי ע״ה, איז גע־ווען פון זיינע תלמידים און נאָענטסטער חבר.

ער האָט געלערנט פאַרמאַצעווטיק און אָנ־געהויבן זיין פאַמיליען־לעבן אַלס אַפּטייקער אין שטעטל ראַפּאַלאָווקע. געהאַט פּרנסה בר־ווח און געווען פון די נכבדים אין שטעטל. זיין ציוניסטישער באַוווסטזיין האָט אים גע־צויגן קיין ארץ־ישראל, האָט פאַרציכטעט אויף זיין שטאַנד און רחבותדיק לעבן און עולה גע־ווען אין 1924.

אין ארץ־ישראל, ווי געוויינלעך אין יענע קריטישע צייטן, איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט זיך איינצואָרדענען. ער האָט געאַר־בעט אַלס שטובן־מאָלער, שומר, קאַסירער און באַאַמטער פון וועד הקהילה תל־אביב־יפו. ווען דער ועד הקהילה האָט זיך אָנגעשלאָסן אין תל־אביבער שטאָט־ראָט איז ער אַריבער אַרבעטן דאָרט אַלס באַאַמטער, צוזאַמען מיטן גאַנצן פערסאָנאַל.

אויך זיין פליכט צו זיינע בני־בית האָט ער געטריי אויסגעפירט אויך אין קריזיס־צייטן און מקפיד געווען זיינע זין זאָלן קריגן אַ גוטע דערציאונג. אין זיין פרוי האָט ער שטענדיק געפונען אַן אמתע „עזר כנגדו“.

זיין בנעימותדיק שמועסן, האַרציקער שמייכל און גוטער כאַראַקטער האָבן געצויגן צו אים אַלע זיינע קרובים און פריינט כאַפּן מיט אים אַ שמועס וועגן ברענענדיקע, אַקטועלע פראַגן. ער איז שטענדיק געווען גרייט דערצו. אויך אין זיינע לעצטע טעג, ווען ער איז שוין שווער קראַנק געווען.

זיינע קרובים און פריינט וועלן אים באמת נישט פאַרגעסן!

**וואָלינער אין טשילע**

טרויערן אויפן טויט פון

**אריה אבטיחי ז״ל**

# חנה פעניגער־פלאָם

נועם זכאי

פעייק און פלייסיק איז געוואַקסן די קליינע חנה אין אירע עלטערנס הויז. האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדערן חן און ווי איר אויסזען, אַזוי אויך אירע מעלות און אויפפירן זיך. ביז די לעצטע טעג פון איר לעבן.

אין הויז פון אירע עלטערן האָט געהערשט אַ טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַלער גייסט. די בעסטע העברעאישע לערער האָבן געלערנט זייערע



קינדער. ווען ס׳האָט זיך געעפנט די תרבות־שולע זיינען די פלאָמס געווען פון די ערשטע וואָס האָבן דאָרט פאַרשריבן זייערע קינדער.

חנה איז געווען פון די בעסטע תלמידים. האָט געגעבן דעם טאָן אין קלאַס און גענומען אויף זיך רעדן נאָר עברית. האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף אירע חברים און חברטעס און זייער קלאַס ווערט גערעכנט אַלס אויסגעצייכנסטע אין שולע. נעמט אויך אַנטייל אין אַלע ציוניסטישע אונטערנעמונגען אין שטאָט.

חנה האַלט אָן די מנהגים פון איר משפחה און גייט אין די דרכים פון אירע עלטערן: דער פאָטער אַ כלל־טוער, די מוטער גיט זיך אָפּ מיט צדקה־אַנשטאַלטן. די ברידער און שוועסטער זיינען אַקטיוו אין די ציוניסטישע קרייזן.

נאָכן עולה זיין קיין ישראל פון איר שוועסטער שרה און שוואָגער צבי קיין ארץ ישראל, זוכט חנה אַן אויסוועג ווי אַזוי זיך אויך „אַריבערכאַפּן” אַהין. ווייל די עליה איז זייער באַגרענעצט. זי נוצט גלייך אויס די געלעגנהייט פון מכּבּיאַדע אין ארץ ישראל און פאָרט אַלס מכבי־ספּאָרטלערן. די מאַנדאַט רעגירונג פאָדערט איר אויף פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָבער חנה גיט זיך נישט אונטער און גיט זיך שוין אַן עצה. זי בלייבט אין לאַנד און איז גליקלעך. אַרבעט ביי וואָס ס׳לאָזט זיך נאָר. אין איר פרייער צייט פאַרנעמט זי זיך מיט כלל־זאַכן, ווי לערנען די נייע עולים עברית א. א. וו.

מיטן אָנהויבן דאָס בויען פון היכל וואָלין שטייט חנה ענערגיש צו צו דער אַרבעט לטובת דעם היכל. זי שענקט אויך 2200 וויסנשאַפטלעכע ביכער פון איר זעליגן מאַן פאַר דער אוניווערסיטעט אין ירושלים.

פאַר צוויי יאָרן ל״ג־בעומר הייראַט זי יעקב פעניגער און בויט אויפסניי איר פאַמיליען־לעבן. פאָרט מיט איר מאַן קיין בעלגיע. אָבער אין האַרצן בלייבט זי אין ישראל. אין אירע בריוו קיין ישראל דריקט זי אויס איר גרויס בענקשאַפט אַהיים, קיין ישראל, און צו איר שוועסטער שרה, די איינציק־פאַרבליבענע פון דער פאַרצווייגטער משפחה פלאָם.

בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין ישראל מאַכט חנה אַלע שריט כדי צוריקקומען פון בעלגיע. אין איר לעצטן בריוו שרייבט זי: כ׳וואָלט אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס ס׳אי מיר טייער, אַבי זיין מיט אייך אין די קריטישע טעג, און קומען וואָס שנעלער אַהיים.

אָבער דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט, און חנה איז צוריקגעקומען צו קבר ישראל.

**וואָלינער יידן אין אויסטראַליע**

נעמען אַנטייל אין טרויער נאָך

**אריה אבטיחי ז״ל**

# פון דער טעטיקייט פון אלוועלטלעכן וואלינער פארבאנד אין ישראל

נאָכן טויט פון אריה אבטיחי ז״ל — פירער פון וואָלינער פארבאנד אין ישראל איז רעאָרגאניזירט געווארן די ארבעט אין פארבאנד. אויף א זיצונג פון דירעקטאָרוים איז געוויילט געוואָרן א נייע פרעזידיום פון פאַרבאַנד אין פאָלגענדן צוזאמענשטעל : צ. בערגער — פאָרזיצער; משה בורקאָ — וויצע־פאָרזיצער; ז. אפטער — קאסירער; חיים פינקעל — סעקרעטאר און אדוו. זלמן ראַזאָווסקי, יוסף טאַבאַטשניק און חיים חזנוואלד — פרעזידיום־מיטגלידער.

אין ראַס־פּרעזידיום זענען געוויילט געוואָרן די הערן : שמואל פיסיוק, לעאָ טשעקווער און ריכטער פ. אבישר.

אין בוי־קאָמיסיע ה״ה ז. אפטער — פאָרזיצער, יונתן שלייען, מ. בורקאָ, י. סערליך, א. מאַנדעל — מיטגלידער.

אין קאָנטראָל־קאָמיסיע גייען אריין די הערן : ראזי, ש. זאנדוויים.

די פארוואלטונג פון פארבאנד באשטייט פון 15 מיטגלידער.

ס׳איז באשלאָסן געוואָרן צו פאראייביקן דעם נאָמען פון אריה אבטיחי ז״ל אויף איינע פון די זאלן פון היכל וווהלין. די ערשטע שפענדונגען צו דעם צוועק האָבן געגעבן די הערן ל. טשעקווער, ז. ראָזאָווסקי, מ. בורקאָ, ה. פינקעל, ג. ליבנה, ארגון קאָוועל און אַנדערע.

חתמענען־רעכט אין נאָמען פון אלוועלטלעכן וואָלינער פאַרבאַנד אין אַלע אָנגעלעגנהייטן און אין אלע באנק־ענינים אין ישראל איז באשטימט געוואָרן צו געבן די מיטגלידער : צ. בערגער, מ. בורקאָ, ז. אפטער און ח. פינקעל. צוויי פון די אויבנדערמאָנטע אונטערשריפטן זענען מחייב. אונטערשריפטס־רעכט צו סטיפנעדיעס־פאָנד טשעקווער, אַלס באַגלויבטער (נאמן), איז באַשלאָסן געוואָרן צו געבן דעם אַדוו. זלמן ראָזאָווסקי. אויפן אָרט פון אריה אבטיחי ז״ל. אַנדערע נאמנים מיט אונטערשריפט־רעכט : פרוי טאַניאַ טשעקווער, ה׳ לעאָ טשעקווער, ה׳ משה בורקאַ.

## ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אויסענדיקונג־אַרבעט אין היכל

נאָכן אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט מיטן קבלן (אונטערנעמער) האָט זיך ענדליך אָנגעהויבן דאָס אויסענדיקן פון היכל. לויטן קאָנטראַקט דארף די ארבעט געענדיקט ווערן אין א האלב יאָר ארום.

ס׳וועלן אויסגעענדיקט ווערן אלע צימערן און זאלן, די צימערלעך וואָס אין די עמודים אין אונטערשטן שטאָק, התיחדות־זאל, ביבליאָטעק, לייען־זאל, באקוועמלעכקייט. דאָס אַלץ — אויסער די גרויסע אסיפות־זאַל. דערצו קלעקט נאָך ניט דערווייל דער בודזשעט...

# אין וואלינער פארבאנדן אין ישראל

## פאַרבאַנד זשיטאָמיר

די טעטיקייט פון דעם ארגון זשיטאָמיר ווערט פאָרגעזעצט. אין ראַם פון פאראייביקן די וואָלינער קהילות דורך שולן, איז אויך פאראייביקט געוואָרן די זשיטאָמירער קהילה צוזאַמען מיט דער לובאַרער קהילה און אומגעגנט, דורך דער „שלום עליכם״ גרונטשולע אין לוד.

דער דירעקטאָר פון שולע הער י. שרייבשטיין האָט פערזענלעך פיל געלייסטעט פאר דעם אדאָפטירונגס־אַקט פון די אויבנדערמאָנטע קהילות, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 23.4.68, מיט דער באטייליקונג פון די שילער, לערער, עלטערן, פאָרשטייער פון די זשיטאָמירער לובאַסרער קהילות, „יד ושם״ און פון בילדונגס־מיניסטעריום.

ס׳האָבן גערעדט צום אָנדענק פון די אדאָפטירטע קהילות דער דירעקטאָר פון שולע הער י. שרייבשטיין, י. טאַבאַטשניק, א. גל און ה׳ אלוני — פאָרשטייער פון „יד ושם״.

## פאַרבאַנד שעפּעטאָווקע

די געראטעוועטע שעפּעטאָווקער יידן, האָבן זיך געווענדעט צום אלוועלטלעכן וואָלינער פארבאנד אין ישראל מיט א ביטע צו פאראייביקן זייער אומגעקומענע קהילה אין פאראייביקונגס־זאל פון „היכל וואָלין״. דער שעפּעטאָווקער ארגון האָט באשלאָסן באנייען זיין ארבעט פאר „היכל וואָלין״.

אדרעס : תל־אביב, רח׳ שץ 19 ביי י. קאנטאָר.

## פאַרבאַנד קאָפּיל

דער פאַרבאַנד ציילט 30 מאַן — שטאַמענדע פון אומגעקומענער קאפּילער קהילה אין ישראל. ער אָרדנט איין יעדעס יאָר אן אזכרה־אקאדעמיע צום אָנדענק פון די אומגעקומענע קדושים פון קאפּיל. לעצטנס האָט זיך דער פארבאנד פארבונדן מיטן אלוועלטלעכן וואָלינער פאַרבאַנד כדי צו פאַראייביקן קאַפּילער קדושים אין פאראייביקונגס־זאל פון היכל וואָלין און זאמלט ידיעות פארן פאראייביקונגס־אלבאָם.

## פאַרבאַנד האָסטילע

אָסטילער פארבאנד אין ישראל האָט באקומען ידיעות פון אָסטילער, אָפּשטאמענדע אין אמעריקע, וועלכע דריקן אויס זייער צופרידנקייט, וואָס זייער קהילה ווערט פאראייביקט אין „היכל וואָלין״ און זאָגן צו זייער הילף. ס׳איז באנייט געוואָרן די אויפקלערונגס־ארבעט פון שולע „יובל״ אין תל־אביב, וואָס האָט אדאָפּטירט די אָסטילער קהילה צום צוועק פון פאראייביקונג. די לעצטע טעג האָט די שולע ארויסגעגעבן אַ שיינעם העפט אין דרוק פון שריפטלעכע אַרבעטן פון אירע שילער אויף דער טעמע פון אָסטילער קהילה און איר פאַרגאַנגענהייט.

אדרעס : ארגון יוצאי אוסטילה, תל־אביב, רחוב אבן גבירול 162 ביי גב׳ צילה פליישער.

## אַ מצבה פאַר ראַדזיווילער קהילה

(סוף פון זייט 27)

זיי זענען געפירט געוואָרן דורך די בעסטיאַלישע רוצחים ימח שמם! אויף זייער לעצטן וועג. זייערע אויגן זענען געווען געווענדעט צום הימל מיט א שטיל געבעט צו דעם, וואָס לעבט אייביק, מאמעס מיט קליינע קינדער אויף די הענט האָבן געוויינט און געבעטן רחמים, אָבער די טויערן פון געבעט זענען געווען געשלאָסן פאַר יידישע תפילות. זיי זענען געפירט געוואָרן צו דער שחיטה אָן א פאַרוואָס, מיט א קללה אויף די ליפּן פאַר די שונאי ישראל. די הימלען האָבן מיטגעוויינט אויף דעם גרויסן בראָך.

מיר, לעבן־געבליבענע פאַריתומטע משפחות קאָנען קיין טרייסט נישט געפונען. מיר זענען צעשפּרייט אויף דער גאָרער וועלט און האָבן נישט די מעגלעכקייט זיך צו פאַראייניקן. אין אונדזער געמיינזאַמען טרויער נאָך אונדזערע טייערסטע און ליבסטע. דאָ אין אונדזער אייגן לאַנד ישראל פאַרזאַמלען זיך די לעבנגעבליבענע שטאָטישע יאָר־איין, יאָר־אויס ביי דער מצבה פון אונדזערע קדושים אויפן אַלטן בית הקברות אין תל־אביב, וווּ מיר צינדן אָן זכרון־ליכט און דאַווענען צום אָנדענק פאַר די טראַגיש אומגעקומענע ראַדזיווילער. מיר האָבן אויך אַוועקגעשטעלט אַן אָנדענק־טאָוול אין „מרתף השואה" אין ירושלים, מיט דער אָנצייכנונג די דאַטעס פון חורבן און אומקום. מיר האָבן אויך ארויסגעגעבן א יזכור־בוך צום אָנדענק פאַר די אומגעקומענע.

## רעדאַקציע־באַמערקונגען

דער היינטיקער ילקוט, פונקט, ווי די העברעאישע אויסגאַבע, דערשיינט אין צייכן פון טרויער נאָכן פאַרשטאָרבענעם אריה אבטיחי ז"ל, גרינדער פון אונדזער פאַרבאַנד. אויסער די אַרטיקלען וועגן זיין פּערזענלעכקייט, וואָס זענען דערשינען אין דער העברעאישער אויסגאַבע, דרוקן מיר דאָ אויך זכרונות פון ה' שמואל ראָזנהעק, געוועזענער לערער אין תרבות־גימנאַזיע אין ראָוונע, וואָס אבטיחי ז"ל איז געווען צווישן אירע גרינדער און א קורצן אויסצוג פון ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אויף דער טרויער־אַקאַדעמיע צו זיין אָנדענק.

☐

אין דער אָפּטיילונג „דיכטער, שרייבער, ביכער" ברענגען מיר אַן אַרטיקל פון פּרעזידענט פון מדינת ישראל ה' ש. ז. שז"ר, איבער זיין יוגנט ־ חבר, העברעאישער דיכטער און געלערנטער יחיאל רברבי ז"ל אין ראַטנרוסלאַנד, וואָס האָט „אויסגעהויכט זיין אָטעם אין די סטעפּעס פון סיביר". דאָס אַרטיקל האָט דער פּרעזידענט געשריבן מיט דרייצן יאָר צוריק„ אָבער ס'איז אַקטועל, ווי ס'וואָלט געשריבן געוואָרן איצט. דאָס רוסישע יידנטום איז נאָך אַלץ אכזריותדיק אָפּגעריסן פון כלל ישראל.

צום 85־טן געבוירנטאָג פון דיכטער (די דאַטע פון זיין טויט איז אומבאַקאַנט) ברענגען מיר דאָ דאָס אַרטיקל אין יידישער איבערזעצונג פון רעד. פון „ילקוט". ס'כמעט נישטאָ נאָך איינער היינט צו טאָג, וואָס האָט אַזוי גוט געקענט דעם יונגן דיכטער רברבי און זאָל וויסן צו שרייבן וועגן אים, ווי דאָס האָט געטון מיט אַזוי פיל האַרץ און גייסט פּרעזידענט שז"ר. אונדזער האַרציקן דאַנק!

לויטן פאָרשלאַג פון חשובן שרייבער פון אַרטיקל, ברענגען מיר די ציטאַטן פון רברבי'ס לידער אין זייער אָריגינאַל, אין העברעאיש, מיט איבערזעצונגען אין יידיש.

☐

א פערטל יאָרהונדערט איז שוין אריבער זינט די אויפשטאַנדן אין די געטאָס וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק. אָבער זייער ווייניק מענטשן, אויך נישט אַלע וואָלינער יידן, ווייסן וועגן גרויסן, דרייסטן אויפשטאַנד, אין דער קליינער געטאָ אין קליינעם וואָלינער שטעטל טוטשין, נאָך פאַר די אויפשטאַנדן אין וואַרשע און ווילנע. אַן אויפשטאַנד, וואָס איז „ראוי איינגעקריצט ווערן אין האַרצן פון יעדן וואָלינער ייד און פאַרשריבן ווערן אין אונדזער געשיכטע און דינען אלס סימבאָל לדור דורות", ווי עס דרוקט זיך אויס דער מחבר פון אַרטיקל, באַוווּסטער יידישער שריפטשטעלער ה' מענדל מאַן. לייענט דאָס אַרטיקל אין דער אָפּטיילונג „קהילות".

☐

„דער לעצטער וועג פון זשיטאָמירער יידן" איז דאָס לעצטע פון א סעריע אַרטיקלען פון ה' יוסף טאַבאַטשניק איבער דער גרויסער יידישער קהילה, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין די ילקוטים אין העברעאיש און יידיש.

„בערדיטשעוו פון אַמאָל" פון ד"ר צבי קאַמינסקי איז דער אָנהויב פון א ריי אַרטיקלען און שילדערונגען פון א צווייטער גרויסער יידישער קהילה, אַן עיר ואם בישראל, וואָס איז נישטאָ מער. המשך „בערדיטשעוו" קומט. די רעדאַקציע פון „ילקוט" באַמיט זיך צו געבן גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן קהילות אין וואָלין, וואָס זייערע שרידים זענען נישט ביכולת, צוליב באַוווּסטע טעמים, ארויסגעבן „אייגענע ספרים".

צוזאַמען מיט אלע וואָלינער יידן אין ישראל און אין דער וועלט
באַוויינען מיר דעם טויט, פון גרויסן, איבערגעגעבענעם עסקן

# אריה אבטיחי ז"ל

וואָס האָט אונדז צונויפגענומען אונטער איין דאַך און אונדז
געפירט צו אַ ציל

פאַרבאַנדן פון שטעט:

אַבערזעץ
אלעווסק
אַלעקסאַנדריע
אליק
אַמילטשין
אסאווע
אסטילע
אסטראה
אסטראפאל
אסטראזעץ
באזאר
בורומעלי
ביעלאַזאַרקע
בערעזנע
בערדיטשעוו
בערעסטעטשקע
גריצעוו
דובנא
דאַמבראָוויצע
דעמידאָווקע
דראַזשנע
דרושקאפאל
האלאווי
הארא כאוו
האשטש
וואלאסיצק
וויסאָצק
ווישנאָוויץ
וולאדימירעץ
ווערבאַ
וואַרקאָוויטש־אַזיראַן
זדאלבונאָוו
זוויהיל
זשיטאָמיר
זאסלאוו
חודאקני
טאַרטשין
טרוביטש
טשודנאָוו
טריסק
טראַכנבארד
יאמפּאָל
לובאר
לובאָמיל
לודוויפאל
לודמיר
לוקאַטש
לענאַוויטש
מעזיריטש
מיזוטש
מלינאָוו
מורעוויטש
מעלניצא
מאטשעיאָוו
סאַרנע
סודילקאָוו
סטעפען
סטאַראַ־קאָנסטאַנטינאָוו
סלאַוווטע
פאלאנע
פיטשאיעוו
פאַריצק
טשערטאַריסק
קאָוועל
קוזין
קולקי
קאָניעוו
קאסטאפאל
קאפעל
קאראעץ
קליעוואן
קלאסאוו
קאמין־קאשורסק
ראדזיווילאָוו
ראָוונע
ראזשישטש
ראָקיטנע
ראטנע
ראפאלאָווקע
שומסק
שעפעטאָווקע

# לאמיר אלע
# אינאיינעם
# אויסענדיקן
# דעם „היכל"!



דער אויסעליכער אויסזען פון „היכל וואָלין"

דפוס „אור" רח' לבנדה 36, תל־אביב, טל. 36910